יקותיאל שור, א מוזיקער פון ישראל, א מיטגליד פון כנרת קבוץ האָט געהאַלטן א תפעראַט, ביי די שבת נאָכמיטאָגס איבער קבוץ־לעבן. דער רעדנער האָט געמאַכט א ט׳פן איינדרוק, מיט דעם בילד וואָס ער האָט געשילדערט.

• • •

צווישן די בענעפ׳ט־אויפירונגען האָט די הברים טרופע און גרענד־פאַליי לעצטן חודש אויפגעפירט שלום עליכמס : שווער צו זיין אַ ייד. אין וועלכער עס האָט זיך, אַ חוץ די גאַנצע גרופע אַקטיאָרן קינסטלער אויך באַטייליגט חנהלע צעלניקער.

• • •

## ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן"

| | |
|---|---|
| „ווייטשעפל לעבט" (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) | 10/- |
| „שיידעוועגן", אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש | 10/- |
| „ווידערוווקס", אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל | 12/6 |
| „טעאַטער־קאַראַוואַנען", פון ש. י. האַרענדאָרף | 15/6 |
| „פאַמאַכעט דער כעלעמער פאָעט", שמואל וועהייט | 7/6 |
| יובל־אַלמאַנאַך | 15/- |
| גלות און גאולה, פון א. נ. שטענצל | 15/- |

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון :

LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

## א ניי דערשינען בוך אין פערלאג „לשון און לעבן"

פון סוף קומענדיק חודש וועט מען קאָנען באַשטעלן דאָס בוך „ווייטשעפל שטעטל דבריטן" פון א. נ. שטענצל אויף דער זעלבער אַדרעס. דאָס בוך ענט־האַלט 352 זייטן, געדיכט־געדרוקט, אויף גוט פאפיר און פיין איינגעבונדן וועט קאָסטן 30 שילינג.


LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

**WHOLESALE WAREHOUSEMEN**

**Knitwear - Blouses - Underwear**

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1


223

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2 (העפט 352) צוויי און צוואַנציקסטער יאָר פעב.־מערץ 1961 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט


לכבוד פורים ה. תשכ"א ** ..... 1
מגילת אסתר דער הלל פון פורים ..... י. ריכטיגער 7
דער צווייטע „טרעק" צום מערב ..... אליהו פאַלושאַק 14
שלחמנות (לידער) ..... שמואל וועהייט 18
ביאַלע (פון פאַרגאַנגענע צייטן) ..... משה בעקערמאַן 20
א פאָטער זאָגט קדיש (ליד) ..... מאַקס עלענצווייג 23
אויף חרובע וועגן (קאַפיטל פון ראָמאַן) ..... משה דאָמב 23
מיין היים אין זאַגלעמביע (1 ק. צעטניק, 2 דוד זיטמאַן), צום בוך „ווייטשעפל שטעטל ד׳בריטן ..... א. נ. שטענצל 29
די יידישע שרייבער אין לאָנדאָן ..... א. מ. קייזער 39
לאָנדאָן קולטור ידיעות
יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ..... 40


## פרייז 2 שילינג

אבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאָר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר


אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*


פריינט פון יידיש לשון

גראַנדיעזער פורים באַל

און

„עד דלא ידע" טאַנץ

טאַנץ און געשמאַקער צובייסן — המן־טאַשן און מאַסקעס

אין דער אַדלער האָל, אַדלער סטריט, א.1

**שבת, 4־טן מערץ**

איינטריט 5 שילינג 6 פעניס — אָנפאַנג, 7.30

סעמינאַר פאַר קולטור און וויסן
דינסטיק, דעם 7׳טן מערץ, 8 אזייגער,
אין קענען באַרנעט סקול קאַמערשל סט. א.1.
לעקטאָר: מיכאל זילבערבערג
טאמע: דריי שטעט אין פוילן, קראָקע, לובלין, וואַרשע איינטריט פרי.

## דאס בילד פון דער אויסשטעלונג פון לעדי ראזע ל. העריקעס



די אויסשטעלונג וועלכע עפנט זיך אויף היינט, דאָנערשטיק, דעם 2׳טן מערץ, אין דער ווייטשעפל גאַלעריע, וועט זיין ביז דעם 19׳טן. אַן אָפּהאַנדלונג אין קומענדיקן נומער.

### מזל טוב

אַ האַרציקן מזל טוב פריינט **ראַביי מענדל גאָלדסמיס** און זיין פרוי, אין ישראל, צום געבוירן פון זייער ערשטן טעכטערל, מירעלע בת ציון. אַ גרינגע דערציאונג און אַ סך נחת. א. נ. שטענצל

---

אַ האַרציקן מזל־טוב צו **חזן ברוך שמוסס** און פרוי צו דער חתונה פון זייער יינגסטער טאָכטער **שרה** מיט **יצחק** איזאַווי. מיר ווינטשן דעם יינגן פּאָר און די עלטערן אַ סך גליק און נחת.

פריינט פון יידין׳ לשון

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2 (העפט 352) צוויי און צוואַנציקסטער יאָר פעב.־מערץ 1961 לאָנדאָן

## לכבוד פורים ה.תשכ״א

עם־אייכמאַן

אַ גאַנץ פאָלק באַהאַלט זיך הינטער אַ מערדער,
ווי גרויס מוז דאָס אַזאַ רוצח זיין;
און דאָס נבזהדיקע, פחדשנישע פאָלק,
ווי שפלדיק און ווי דערנידריקט קליין.

העלדן אין אַ הילצן פערד זיך באַהאַלטן,
סטראַשידלע־סטראַטעגיע נאָך צו פאַרשטיין;
אָבער היצעל גערעכטיקייט צו זוכן
הינטערן רוצח׳ס רוקן זאָל שטיין?

קוק זי אָן די נאַציע, דאָס עם־אייכמאַן פאָלק,
און דאָס נעמט מען צווישן פעלקער אַריין!
עס נעמט דאָך ממש אַ חלשות שוין אָן —
אין די ד׳ אמות פון מענש צו שטיין.

נאָך גוט ס׳איז פורים גראָד, און שושן־פורים,
„עד דלא ידע״ מען מוז יוצא זיין,
נעמט מען אַ כוסה און טאַקע נאָך איינע,
אז דער חלשות־איבל זאָל פאַרגיין.

### פון דעם-א?

וואָס פאַר אַ יום־טוב דאָרטן אויף אייך,
אַז קרעפלעך זאָלט איר מיר דאָרט עסן!
א פורים־שני של ישראל,
פון דעם־אָ, זאָלט איר שוין פאַרגעסן?

און צומאָל מען וועט אים אויפהענגען,
אַ מין המן וועט ער נישט ווערן?
יענער האָט נאָר געטראַכט, געוואָלט בלויז,
און דער — האָט אונז געטון צעשטערן!

אַ קאַרנעוואַל „אדעלעיאַדע״,
פון אָט־אָ דעם־אָ ווילט איר האָבן,
ווען מ׳ווייסט געווי וויפיל פאַרברענט,
און וויפיל לעבעדיק באַגראָבן ? . . .

פון דעם איכא־מאַן, קיין פורים־שפיל,
אַ תשעה־באב מיר ווערן מאַכן !
אפנים, ס׳אגרא־דתניתא,
מיר נעמען שוין דאָס געלד־„גוט־מאַכן״.

## „פני המן חפוי״ מאכט רש״י

פאַר די פיש, נאָך די פיש בראָנפן פון גלעזל,
צו יעדער פאָטראַווע ווייַן בעכער נאָך בעכער,
די גאַנצע נאַכט ביר פון פלעשל און פעסל,
אָבער דער ארור המן צעהילכט אַלץ העכער.

ברוך מרדכי חזן, שכור אין רינשטאָק,
ביז באַגינען שושנת יעקב געזונגען,
אָבער א ברוך המן צו זאָגן,
עס איז אים צומאָל קיין איינמאָל נישט געלונגען :

מילא קומט אים ביי מיר, ס׳וועט וואַקסן פראָצענט,
וועל איך אים קומענדיק יאר טאָפּלט אויסצאָלן !
און לאָזט זיך טרויריק אַהיים צו זיין זרש :
אָ, וועט זי זיך דאָס מיט אים צו־ראש־הקהלן — —

איצט ווי ניכטער אַלץ איז, ווי אויסגערעכנט,
אַ גוטער דייטש שוין יעדע נאַצי־נבילה !
אז יעדע גבאיטע טראָגט זיך אַרום שטאָט
מיט אַ נאַכט כלי — מיט אַ שילומים פאַטשיילע.

## אן אהובי ידידי בריוועלע

(פונם ווייטשעפּלער פורים רב צום „ממוכן״ להיות „טשיף־ראַביי״ בישראל)

נישט פון סאַטמאַרער, פון קלויזנבורגער,
פון אַ פערפאָרמירטן אברהם גייגער,
דאָס שרייבט צו אייך אַן עכטער פורים־רב,
וואָס מען הערט אים, ווי המן דעם גרייגער.



לאָזט אונז איבער דאָס שטיקעלע פורים
איר מיינט דאָך נישט די הגדה — די קניידלעך !
איר זענט דאָך סאָלדאָטן און איר האַלט נישט,
פון אַ זיג דורך ווייבערישע קליידלעך.

פאַר אַזאַ נצחון געװוגט „בלעק־ענד־ווייט״,
איירער זאָל זיין אז־ישירדיק — נאַסער !
פונם וויסטן סיני ביזן ירדן,
מוז זיך גיסן כרמל־ווייַן ווי וואַסער.

פורים קיין יום־טוב, קדחת קיין קרענק,
אָבער קדחת אין קליין טעפּעלע — — —
דער פורים־רב, נישט פון עמלקן,
פון איצטיקן, ק״ק ווייטשעפּעלע.

## צו דער פורים-סעודה . . .

(פאַר מיין פורים־רביצין . . .)

אויב אַ גאַנץ יאָר שכור און פורים ניכטער,
איז א גאַנץ יאָר אין דער מאַסקע, פורים — אַן איר !
שטיי איך מיט אַ נאַקעט געזיכט — אַ סקאַלעט,
און ווי אַלע נעכט אויך היינט כ׳קלאַפּ אַן אין איר טיר.

דערוואַרטנדיק מיך, עפנט זי ברייט אויף,
מיט אַ דערשראָקן פנים פרעגט זי : „„ווער זייט איר״ ?
נאָך גוט לכבוד פורים אויסגעטון מיין נאָז,
אַזוי נאָנט פאַר איר פאַרקלאַפּט זי פאַר מיר די טיר . . .

## מרדכי הצדיק אויפן פערד . . .

אַז ווער עס כאַפּט זיך אַרויף אויפן פערד דער רייט
שעמט מען זיך שוין אַ מרדכי הצדיק צו זיין
סיי ווי סיי וועט עס דאָך אַ המן אָננעמען
ביים ציימל און אַריינפירן אין שטאַל אַריין.

צומאָל דעם פערד איז עס קיין גרויסער אונטערשיד :
וועט אים מרדכי געבן ווייניקער מיט אַ שמיץ !
דערפאַר אין שטאַל ווען ס׳בלייבט אַליין מיט המנען — —
גאָטעניו ס׳בידנע פערדל באַהיט און באַשיץ.

## „טוב כלב החי..."

ער האָט געגן די דייטשע געלדער,
אַזוי לאַנג געשריבן און געשריגן
די פען געשפיצט, דעם האַלז געריסן
ביז ער האָט ס׳לא־יחרץ־געלד געקריגן.

עס גייט זיך אַ הונט מיט זיין דרך:
וואָלט ער נישט געבילט, וואָלט ער געשוויגן,
אַ הונגעריגער, זיך לויזנדיק,
אויף דער קופע מיסט געבליבן ליגן.

צי אויף שול־דאַך אַרומגעקראָכן,
צופנדיק שטרוי צוזאם מיט די ציגן,
און מיט חלשות רק זיך געקוויקט,
מיט חזנס נייעם נאַרישן ניגון.

אַ פעטן ביין, אז מען וויל כאַפן,
צו סמאָטשקען, צו גריזשען ס׳זאָל געניגן,
מוז מען באַווייזן שאַרפע ציינער,
נישט ליגן אויף דער זון, כאַפן פליגן.

## „ומדבר בלשון עמו" •

(צו ווערגעליסן און די אנדערע חברים: „וליהודים היתה אורה שמחה, ששון ויקר"...)

פאַרוואָס ביי אַלע זיינע יסורים
איז איוב קיין זעלבסט־מאָרד נישט באַגאַנגען?
זיין לעבן צו באַשיצן און באַהיטן,
דער שטן ווי אַ הונט אים נאָכגעגאַנגען —

צומאָל גאָט אַליין האָט קיין עצה נישט,
וויל ער זיך אַ שפּיל טון מיט אַ לעבן!
כדי צו באַשירמען, טוט ער עס,
אין די הענט פון שטן איבערגעבן.

טו וואָס דו ווילסט, שטיקער רייס פונם לייב,
מיט איין תנאי: גאַנץ נישט צו פאַרטיליקן.
„לולי אויב אגור" ••, אז אזוי־אָ,
טוט גאָטס גענאָד צוריק אונז באַווייליקן.

---

• צום דערלויבט יידישן זשורנאַל אין סאָוועט־רוסלאַנד.

•• דברים ל״ב, כ״ז.



ווי האָט דער הייליקער קאָצקער געזאָגט:
„שקצים, דער שטן איז אויך אַ מלאך"!
אָ, פון עוץ ביזן מאָסקאָווער קרעמל,
פאָלג מיך אַ ספוטניק־גאַנג — אַ מהלך.

צומאָל פרצעס כעלעמער מלמד,
ווי טיף האָט ער די תורה פערשטאַנען:
אָן יצר־הורא, קיין יצר־טאָפּ,
אָן שטן איז קיין לעבן פעראַנען.

פון בערגעלסאָנען ביז ווערגעליסן,
נסים ונפלאות קוים צו גלייבן — —
אויב איכה־קינות פון חורבן־היטלער,
אַ מגילה פון מאַסקווע ס׳וועט בלייבן.

אַזויפיל המנס, אָבער וויפיל מרדכי׳ס,
גאַנצע פאַרמעטן, פולע ירועות,
בלויז וויפיל חרבונה׳ס זכור לטוב — —
פאַר צער, פאר פרייד פייכט ווערן די וויעס.

חברים, נאָר בטחון, נאָר אמונה —
און לידער מיט בלוט מען מוז זיי שרייבן!
מיט לעצטן טראָפּ נאָך פון מינדסטן פינגער,
דעם שטן צו אַ גאָט מ׳קאָן דערהייבן.

## „די — פרעס — ט..."

מען זאָל וויסן ווען זיי זיינען געשטאָרבן,
ברויכן מאַנכע נאָך דאָ אַ יידיש־בלאַט,
און מיר, וואָס מאַכנ׳ס — צו מאַכן אַ לעבן,
צו מאַכן דעם מאָגן ווי נישט איז זאָט.

צדקה תציל ממות! ווי אומשטערבלעך!!
פאַרלאָזט זיך אויף אונזער חכמת־האַיאַט!
וואָרום דאָס לעצטע בלאַט ליגט שוין אויסגעזעצט,
אויבן בלויז צוצושטעלן דעם שנת ופרט.

## אותיות מחכימות

אַזויפיל און אַזויפיל באַצאָלט דעם שרייבער,
אַז אַזוי און אזוי וואָרט פאַר וואָרט, אויפשרייבן,
און יענער, פון פאַך, גענומען האָט עס גענוי,
פאַר אַ פרוטה מערער נישט איבערצוטרייבן.

אָבער ווען שוואַרץ אויף ווייס געדרוקט זיי זעען עס,
וואונדער איבער וואונדער, — ממש נישט צו גלייבן! —
ביידע, דער פון זיין פעדער, דער פון זיין גרויסקייט,
קאָנען גאָר נישט גענוג נחת פון זיך קלייבן.

## „צוויי דיכטער . . .״

אַ גרויסער דיכטער, טאַקע דער גרעסטער,
מנובל און פאַסקודסווע מאוסע בריאה;
וואָס דאָס קאָן אַנטון, צו וואָס ס׳איז פעאיק,
האָט ווער דען בלויז די מינדסטע ידיעה.

אַ טאַלאַנט, ממש אַרויסגענומען,
פון דער וואַגנערישער טעאָריע.

איצט אַז איינער טאַקע געוואָרן שוין,
„אַ גרעסע״ — דער גרעסטער וועלט־זשעניע,
פאַרוואָס נישט אויך ער שפּילן דעם דיכטער?
פעלט אים יענעמס טאַלענטל — קיין מניעה,

האָט ער דאָך דערפאַר אַ „גאָלדן הענטל״,
און איז אַן עכטע פאַסקודסטווע בריאה.

## צו מיין דערשינענעם בוך 1961

און אָט ס׳ליגט שוין אינגאַנצן פערטיק,
זע איך אז ס׳איז ערשט דער ערשטער חלק,
בלויז דער דרויב, עס מוזן נאָך קומען,
די אינערלעך און דער פעטער ביילק.

אפשר פאר דעם וואָס וועט עס קויפן?
פאר מיר איז עס געוואַלטיק לאַנגווייליק!
איך קען דאָ יעדעס פינטעלע־ליד,
געמאַכט און איבערגעמאַכט אומצייליק.



אַז דו געפינסט נישט אַ „ראָזשינקע״,
ווערן דיר די ציין, לײנענדיק, אײליק,
ווי דעם רשע ביי דער הגדה — — —
נו, פאַרקאַטשעט די אַרבל און איילִיק,

צו דער עבודה, פון צווייטן טייל,
און כ׳נעם מיך קודם צום אונטער־חלק,
וואָרום, אַ בוך זאָל בלייבן אייביק,
נישט בלויז ס׳בוך — דער שרייבער מוז זיין הייליק.

## עד דלא ידע

איז נישט אַלצדינג וואָס מען זינגט רק איך און ווידער איך,
און דער גאַנצער אַרום לשם אָקוסטיק בלויז,
אַז פון אַלע מיליאַרדן מענטשן אַמנאָנטסטן גאָר,
די וואָס פאַרשטייען דיך און הערן דיך רק אויס?

אָ, אין אייגענעם בלוט זיך טיף איינגעביסן, ביז —
פון מיין לייב און לעבן גאָר נישט צו וויסן מער!
טויט פאַרשכורט פון יעדן קלאַנג וואָס איך הער,
און דער עכאָ פון יעדן מינדסטן ריר איך ווער.

„עד לא ידע״ מיט מיין לעבן „אַ לחיים״ —
איבערגייענדיק צעפונקלט איבערן ראַנד!
מיט איין פלינקן צי אויסגעטרונקן ביז אויפן דנאָ,
און ליידיקן שיידל געשליידערט צו דער וואַנט.

י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

### מגילת אסתר דער הלל פון פורים

מיר יידן פייערן דריי ימים טובים — פסח, פורים און חנוכה — צום אנדענקן פון נסים, וואס זענען געשעען אין קאמף פאר דער עקזיסטענץ פון אונזער פאלק. אבער פסח, ביים סדר טיש, ליינען מיר ניט די געשיכטע פון יציאת מצרים, ווי זי איז באשריבן אין תורת משה, נאר א הגדה של פסח, וואס אן אומבאקאנטער מחבר האט פארפאסט, כדי צו דאנקן און לויבן דעם אלמעכטיקן, ווו דער באפרייער — משה רבינו — ווערט ניט דערמאנט. דאס זעלבע איז אויך אין חנוכה, ביים אנצינדן די חנוכה לעכטלעך ליינען מיר ניט די געשיכטע ווי זי איז באשריבן אין מגילת חשמונאים, נאר מיר זאגן הנרות הללו, וואס אן אומבאקאנטער מחבר האט פארפאסט, כדי צו דאנקן און לויבן דעם אלמעכטיקן פארן נצחון איבער די יונים דורך כהנים, און די

נעמען פון די קעמפער — מתתיהו מיט זיינע פינף זין ווערן ניט דערמאנט. אליין אין פורים איז די טראדיציע אן אומגעקערטע, עס ליגט א חוב אויף אלט און יונג, מענער און פרויען צו הערן פארליינען די געשיכטע באשריבן אין מגילת אסתר, ווו דער נאמען פון אלמעכטיקן ווערט ניט דערמאנט, נאר די נעמען פון אלע פערזאנען וואס האבן געהאלפן צעשטערן המנס קאנספיראציע קעגן די יידן פון פרס ומדי.

איינער פון די מפרשי התנ״ך, דער אבן עזרא, טראכט צו פארענטפערן די פראגע, פארוואס דער נאמען פון אלמעכטיקן ווערט ניט דערמאנט אין מגילת אסתר. ער שרייבט: אויף דער פראגע, פארוואס מען האט אריינגענומען מגילת אסתר אין תנ״ך, הגם דער נאמען פון אלמעכטיקן ווערט אין איר ניט דערמאנט, ענטפערן עטלעכע געלערנטע, אז דער פסוק (אסתר ד׳) רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר״, וויל זאגן — פון אלמעכטיקן. אבער זייער תירוץ איז ניט ריכטיק, ווייל אין די ספרי קודש ווערט דער אלמעכטיקער אנגערופן „מעון״: אייבערשטער, ניט „מקום״, די חכמי התלמוד האבן אנגהויבן באנוצן דעם טערמין „מקום״ אלץ א ביינאמען פון אלמעכטיקן. אחוץ דעם שטייט אין מגילת אסתר „ממקום אחר״, וואס איז ווידער דער טייטש פון ווארט „אחר״ — אן אנדערער גאט? דעריבער איז אמתדיקער, אז מרדכי האט פארפאסט די מגילה און מחמת די פערסיער, וואס האבן איבערזעצט די מגילה אין פערסיש פאר דער קעניגלעכער ביבליאטעק, זענען געווען געצנדינער האט מרדכי ניט געוואלט דערמאנען דעם נאמען פון אלמעכטיקן, כדי זיי זאלן אים ניט אומבייטן אויף דעם נאמען פון זייער עבודה זרה, אזוי ווי די כותים האבן אין זייער איבערזעצונג פון תורת משה געשריבן „ברא אשימא״, דעם נאמען פון זייער עבודה זרה, אנשטאט „בראשית ברא אלהים״. (אבן עזרא מגילת אסתר א׳)

אבער די דערקלערונג פון אבן עזרא איז היסטאריש ניט אויסגעהאלטן. אין „שיר השירים״ געפינט זיך אויך ניט דער נאמען פון אלמעכטיקן, וואס מען קאן ניט זאגן אז דער מחבר האט אים ארויסגעלאזט מכח געצנדינערישע איבערזעצער, דאך איז שיר השירים געווארן אריינגענומען אין די כתבי קודש. און ווייעס צו זען פון די דעמאלטיקע פארשריבענע עפיזאדן, — פון כורשס גאולה דעקלעראציע, פון תתניס בריוו צו דריושן, פון דריושס ענטפער און פון ארתחשסתאס פאלמאכט צו עזרא הסופר — האבן די שרייבער אדער איבערזעצער אין פרס ומדי ניט איבערגעביטן דעם נאמען פון אלמעכטיקן און ווייל עס צו זען פון די דעמאלטיקע פארשריבענע עפיזאדן, — פון כורשס מיט די געפינענע כראנאגראפישע באריכטן אויף ליימענע טאוולען פון יענער צייט, אז די פרס ומדישע הערשער האבן געהאלפן יעדעס פאלק פון זייער אימפעריע צוריקשטעלן אין די טעמפלען די טראדיציאנעלע געטער וועלכע בבל האט געהאט אוועק גענומען. (ל. וו. קינג „א היסטאריע פון בבל״ ז. 482) מען מוז דעריבער אננעמען אז די סיבה פון ניט דערמאנען דעם נאמען פון אלמעכטיקן אין מגילת אסתר איז געווען אן אנדערע, ניט ווייל מרדכי האט מורא געהאט פאר א געצנדינערישע איבערזעצונג.



די חכמי התלמוד שטעלן זיך אפ אויף דער פראגע, פארוואס מען האט איינגעפירט צו ליינען מגילת אסתר, און זיי פירן אויס — אז פסח, צום אנדענקן פון דער באפרייאונג פון קנעכטשאפט, זאגט מען ביים סדר טיש „אז ישיר״: די געשיכטע פון יציאת מצרים, דארף מען דאך פורים, צום אנדענקן פון דער אויסלייזונג פון טויט, אוודאי ליינען „מגילת אסתר״: די געשיכטע פון דער רעטונג. ווערט דערויף געפרעגט — אויב אזוי האט מען דאך אויך געדארפט זאגן הלל: דאנקן און לויבן דעם אלמעכטיקן פאר דעם נס וואס איז געשען אין פורים, אזוי ווי מען זאגט הלל אין פסח? ענטפערט רב יצחק, אז מען דאנקט ניט און מען לויבט ניט דעם אלמעכטיקן וועגן א נס וואס איז געשען אין חוץ לארץ. פרעגן רב נחמן — דער נס פון יציאת מצרים האט דאך אויך פאסירט אין חוץ לארץ און מען זאגט הלל אין פסח? ענטפערט מען אים — ביז יהושע בן נון האט פארנומען ארץ ישראל איז געווען איינגעפירט צו זאגן הלל אפילו אויף נסים פון חוץ לארץ און דערנאך ניט. רב נחמן האט ניט אפגעווארפן די מיינונג, נאר ער באהויפטעט — מחמת מיר יידן זענען פארטריבן געווארן פון אונזער לאנד דארף מען ווידער זאגן הלל אויף נסים פון חוץ לארץ. פרעגט רבא אים — דער אנהויב פון הלל איז, „הללויה הללו עבדי ד׳״: לויבט דעם אלמעכטיקן איר קנעכט פון אלמעכטיקן, דאס קאן מען זאגן פסח ווייל א דאנק דער באפרייאונג פון פרעהס אונטערטעניקייט זענען מיר געווארן אונטערטעניקע פון אלמעכטיקן, און פורים, הגם מען איז דעמאלט גערעטע געווארן פון טויט, זענען מיר געבליבן אונטערטאנען פון אחשורוש און דעריבער קאנען מיר ניט זאגן: לויב דעם אלמעכטיקן איר קנעכט פון אלמעכטיקן. ענטפערט רב נחמן אים, דעם טראדיציאנעלן הלל — „הללויה הללו עבדי ד׳״ — קאן מען טאקי ניט זאגן, נאר מען ליינט מגילת אסתר און דאס איז דער הלל פון פורים. (מגילה י״ד, ילקוט שמעוני אסתר ג׳ סימן תתרנ״ה).

פון רבאס דערקלערונג באקומט מען א טיפערן באנעם אין דער פלוגתא צווישן אים און רב נחמן. תורת משה זאגט אויף ארץ ישראל — „ארץ אשר ד׳ אלקיך דרש אתה תמיד, עיני ד׳ אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית השנה״: א לאנד וואס דיין אלמעכטיקער איטערעסירט דערמיט שטענדיק, די השגחה פון דיין אלמעכטיקן איז דערויף פון אנהויב יאר ביזן סוף יאר. (דברים י״א) דרינגט רבא דערפון ארויס, אז אליין די פאסירונגען פון די יידן וואס וווינען אין ארץ ישראל זענען אונטער דער שטענדיקער השגחה פון אלמעכטיקן, ניט די פאסירונגען פון די יידן וואס וווינען אין חוץ לארץ, די נסים וואס געשען אין חוץ לארץ קומען דורך שליחים: דורך דעם חסד פון די מלכים אין וועמענס לענדער מיר געפינען זיך. און רב נחמן האט אנגענומען די מיינונג פון רבי שמעון בן יוחאי, אז — בכל מקום שגלו שכינה עמהן״: ווו אהין די יידן זענען פארטריבן געווארן איז די שכינה מיט זיי, ער באווייזט דאס פון דעם פסוק וואס דער נביא ישעיה האט געזאגט אין נאמען פון אלמעכטיקן — „למענכם שלחתי בבלה״: פון אייערטוועגן האב איך גע־

שיקט די שכינה קיין בבל. און ווען איר וועט אויסגעלייזט ווערן וועט די שכינה צוריק קומען מיט אייך קיין ארץ ישראל. (מכילתאפב״א י״ד, מגילה כ״ט, ילקוט שמעוני בא סימן ר״י) דאס הייסט: אז די נסים וואס געשעען אין חוץ לארץ זענען, לויט רב נחמן, אויך אונטער אן השגחה, אונטער דער השגחה פון די שכינה.

מען מוז צוגעבן אז אין פלוג זעט אויס צו זיין דער מאמר פון רבי שמעון בן יוחאי סתירהדיק, ווי אזוי איז מעגלעך צו באהויפטן אז דער אלמעכטיקער איז ערגעץ אין גלות ווען דער נביא ירמיה זאגט אין זיין נאמען — „כי את השמים ואת הארץ אני מלא״: מיט מיר איז פול דער הימעל און די ערד? (ירמיה כ״ג) אין אמתן אבער איז ניט די שכינה דער אלמעכטיקער, אויף דעם פסוק „ואל משה אמר עלה אל ד׳״: און צו משהן איז געזאגט געווארן — גיי אויף צום אלמעכטיקן, (שמות כ״ד) פרעגט דער זהר — ווער האט געזאגט? און ער ענטפערט — „דא שכינתא״: די שכינה. (זהר משפטים) אדער — „והכי שכינתא אע״ג דאיהי לקבל שאר נהורין דבריאה כנשמתא אצל גופא, לקבל קב״ה חשיבא כגופא״: און אזוי די שכינה, הגם זי אין קעגן איבער אנדערע גייסטיקע באשעפענישן ווי א נשמה נעבן א גוף, קעגן אלמעכטיקן איז זי ווי א גוף. (זהר ואתחנן, און אנדערע) די שכינה איז א „רוח הקודש״: א הייליקער גייסט, וואס דער אלמעכטיקער האט מיטגעשיקט אין גלות. דאס דרינגט דער זהר ארויס פון מגילת אסתר, דער זהר טייטשט אויס דעם פסוק — „ותלבש אסתר מלכות... ורוחא דקדשא שכינתא הות, דאיהי שם מלכות, דאתלבשת ביה אסתר״ — דער זהר פרעגט, עס האט דאך געדארפט שטיין אין פסוק „בגדי מלכות״: אסתר האט זיך אנגעטוען קעניגלעכע קליידער? איז ווייל עס שטייט אין פסוק „מלכות״ האט דער זהר ארויסגעדרינגען, אז עס וויל זאגן — דער רוח הקודש, וואס איז די שכינה און ווערט אנגערופן מיטן טערמין „מלכות״, מיט דעם האט זיך אסתר אנגקליידט. (זהר תצא).

געוויינלעך איז דער טערמין „רוח הקודש״ א סינאנים פון „נביאות״: פאראויסזען און פאראויסזאגן, דאס אבער קאן ניט האבן געווען דער רוח הקודש פון אסתר המלכה, ווייל דער זהר באטאנט אז יחזקאל איז געווען דער איינציקער וואס האט נביאות געזאגט אין גלות. (זהר מסעי) און אזוי ווי דער זהר רופט־אן די שכינה אין גלות מיטן נאמען ציון — „ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה״: די שכינה וועט דורך גערעכטיקייט דערלייזט ווערן און אירע צוריקגעקערטע דורך רעכטפארטיקייט. (ישעיה א׳, זהר ואתחנן) וועט זיין ריכטיק אנצונעמען אז די שכינה פון גלות איז דער נאציאנאלער גייסט וואס באשיצט דאס יידישע פאלק פון אסימילאציע מיט די פעלקער פון דער דיאספארע. דער טערמין „מלכות״ איז טאקי אן אויסדרוק פון נאציאנאל, און דער טייטש פון פסוק „ותלבש אסתר מלכות״ וועט זיין: ווען אסתר האט געהערט אז איר פאלק איז באדראעט פארטיליקט צו ווערן האט זיך אין איר דערוועקט דער נאציאנאלער גייסט און זי איז געגאנגען צום מלך אחשורוש איינשטעלנדיק איר לעבן כדי צו ראטעווען איר פאלק פון אומקום. אז „שכינא בגלותא״



מיינט צו זאגן דער נאציאנאלער גייסט פון יידישן פאלק ווייזט זיך אויך ארויס פון אן אנדערן מאמר אין זהר — „קם רבי שמעון... דאיהי חשיבא שכינתא כמצורע, דאתמר ביה בדד ישב מחוץ למחנה, מחוץ ודאי דא גלותא דאיהי לבר מארעא דישראל״: די שכינה אין גלות איז אזוי ווי א מצורע וואס זיצט מחוץ למחנה, ווייל זי איז דרויסן פון ארץ ישראל. (תחינה פאר כל נדרי) דאס קאן נאר זיין דער נאציאנאלער גייסט וואס זיין היים איז ארץ ישראל.

האבענדיק אין זינען, אז אפילו לויט רבי שמעון בן יוחאי, וואס האט פארמולירט די אידעע פון „שכינא בגלותא״, איז זי דער נאציאנאלער גייסט פון פאלק ישראל, ניט די אלמעכטיקייט, קאן מען בעגרייפן די ווייטער ציטירטע ברייתא. וואס זאגט — „לעולם ידור אדם בארץ ישראל אפילו בעיר שרובה עובדי כוכבים ואל ידור בחוץ לארץ ואפילו, בעיר שרובה ישראל״: שטענדיק (צו ארץ ישראל איז זעלבסטשטענדיק אדער ניט) זאל א יידישער מענטש ווינען אין ארץ ישראל אפילו אין א שטאדט וווּ די מערהייט איינוווינער זענען ניט־יידן, און ניט ווינען אין חוץ לארץ אפילו אין א שטאדט וווּ די מערהייט איינוווינער זענען יידן. ווייל יעדער ייד וואס ווינט אין ארץ ישראל (אפילו אן אסעאיסט) איז גלייך ווי ער וואלט געגלויבט אין אלמעכטיקן פון ישראל, און יעדער ייד וואס ווינט אין חוץ לארץ (אפילו ער היט־אפ דעם גאנצן שלחן ערוך) איז גלייך ווי ער וואלט ניט געגלויבט אין אלמעכטיקן פון ישראל. די ברייתא דרינגט דאס ארויס פון דעם פסוק אין תורת משה — „לתת לכם את ארץ כנען להיות לכם לאלהים״: צו געבן אייך דאס לאנד כנען כדי צו זיין אייער אלמעכטיקער, (ויקרא כ״ה) דאס הייסט: אליין אין ארץ ישראל איז דער אלמעכטיקער פון ישראל אייער אלמעכטיקער. ניט אין חוץ לארץ. (כתובות ק״י).

עס וואס אבער זיין אן אבסורד ארויסצודרינגען פון דער אויבן ציטירטער ברייתא, אז רבי שמעון בן יוחאי אדער אן אנדערער פון די חכמי התלמוד פארוואָרפט דעם יסוד פון יידישן וועלט באנעם וועגן „מלא כל הארץ כבודו״: די אומעטומקייט פון אלמעכטיקן. אין אמתן איז די ברייתא דער אויסקום פון דעם יסוד, מחמת די פארשידנקייט פון פעלקער איז א באווייז פארן יידישן גלויבן אז דער אלמעכטיקער האט באשאפן די חושימדיקע עקזיסטענץ, אזוי ווי פארשידענקייט פון בלומען און אלעס אנדרע זענען עדות דערויף. ניט אליין דאס יידישע פאלק האט א באזונדערן נאציאנאלן גייסט אדער שכינה כדי זיך צו באשיצן קעגן אינטעגראציע מיט אנדערע פעלקער, נאר יעדעס פאלק האט אזא שכינה אדער נאציאנאלן גייסט, ווי זהר זאגט „וכל שכן בגלותא דשיכנתא איהי בשער עמין״. (זהר מסעי) דער נאציאנאלער גייסט פון יעדן איינעם פאלק איז פרעמד צו די אנדערע פעלקער, ווייל יעדער האט אן אנדערן מקור, דער מקור איז די ערד און דער קלימאט וווּ דאס פאלק זיצט. דאס קריסטענטום האט מיט צוויי טויזענט יאר צוריק געטראכט צו שאפן א נאציאנאלזע געזעלשאפט און עס האט זיך איר ניט איינגעגעבן. דאס זעלבע פרובירט איצט דער רוסישער קאמוניזם, אבער עס איז נאך ניט פארגאנגען קיין

האלבער יאר הונדערט פון זיין אקטועלער עקזיסטענץ און שוין האט ער זיך אנגעהויבן צו שפאלטן אין נאציאנאלע נוסחאות: א יוגאסלאווישער און א כינעזישער.

מחמת דעם טאקי, וואס די חכמי התלמוד האבן ניט פארווארפן דעם יסוד פון יידישן וועלט באנעם אז דער אלמעכטיקער איז אומעטום, פרעגט די גמרא **א קשיא אויף דער ברייתא**, — ווי שיקט זיך צו זאגן אז איינער וואס היט־אפ דעם גאנצן שלחן ערוך און וווינט אין חוץ לארץ איז גלייך צו אן אומגלויביקן? און די גמרא ענטפערט, אז די ברייתא מיינט צו זאגן — זיין אפהיטן דעם שלחן ערוך איז גלייך ווי דינען עבודה זרה. (כתובות ק״י) א פירוש דערויף ווערט געגעבן פון רבי שמעון בן אלעזר, ער דערקלערט — די יידן אין חוץ לארץ פייערן מיט דער ניט־יידישער באפלקערונג די נאציאנאלע חגאות, הגם זיי עסן כשרע שפייז, טרינקען כשרן וויין און יידישע סארוועס באדינען זיי, דאך ווייל מיט דער פייערונג פארהערלעכן זיי פרעמדע נאציאנאלע העלדן איז אזוי גוט ווי זיי וואלטן געדינט עבודה זרה. (עבודה זרה ח׳) און רבי שמעון בן יוחאי זאגט טאקי, אז אזא אומבאוווסטזיניקער דינען פון עבודה זרה איז געווען דער חטא פון די יידן וואס האבן געוווינט אין פרס ומדי. (מגילה י״ב).

מרדכי איז, לויט מגילת אסתר, געווען דער איינציקער וואס האט ניט געדינט צו דער עבודה זרה. מען דארף ניט פארגעסן, אז פרס ומדי איז געווען די ערשטע אימפעריע אין דער וועלט וואס האט דערלויבט און אונטערשטיצט יעדעס פאלק פון די אונטערטעניקע פעלקער זיך אויסצולעבן אין זיין טראדיציאנעלע קולטור און רעליגיע. אלע דעקרעטן פון מלך זענען געשריבן געווארן „אל מדינה ומדינה ככתבה ואל עם ועם כלשונה״: צו יעדן לאנד אין זיין שריפט און צו יעדן פאלק אין זיין שפראך. (אסתר א׳) אין דער הויפט שטאדט שושן, ווייזט זיך ארויס, האבן געלעבט מענטשן פון אלע אונטערטעניקע לענדער און אין ערגעץ איז ניט געווען פארצייכנט צו וועלכן פאלק זיי געהערן — „אין אסתר מגדת מולדתה ואת עמה״: אסתר האט ניט געזאגט ווו זי איז געבוירן געווארן און צו וועלכן פאלק זי געהערט, (אסתר ב׳) און קיינער האט איר ניט געפרעגט, הגם זי איז געגאנגען ווערן קעניגין פון דער אימפעריע. מען האט, ווי עס זעט אויס, ניט געוווסט אז אסתר איז א משפחה פון מרדכי, ווייל מרדכי האט ניט באהאלטן זיין יידישקייט. ווען המן איז דערהויבן געווארן איבער אלע שרים און די באדינטע פון מלך האבן געקניעט און געביקט זיך צו אים, אזוי ווי דער באפעל פון מלך איז געווען, האט מרדכי געזאגט איז ער איז א ייד און א ייד קניעט ניט און ביקט זיך ניט צו קיינעם, אחוץ צום אלמעכטיקן. אבער המן, אין זייקמעגאלאמאניע — זעלבסט־פארהערלעכונג, האט געטראכט אז אומצוברענגען מרדכין אליין איז א צו נישטיקע שטראף פאר דער פארשוואכונג פון זיין גרויסקייט און דעריבער האט ער געזוכט צו פארטיליקן אלע יידן פון דער אימפעריע. (אסתר ג׳).

דערפון איז קלאר אז די סיבה פון דער דעמאלטיקער סכנה פארן לעבן פון די יידן אין פרס ומדי איז געווען די עקשנות פון מרדכי (ילקוט שמעוני



אסתר ג׳ סימן תתרנ״ד) און געהאלפן זענען זיי געווארן, ווייל אסתר המלכה האט איינגעשטעלט איר לעבן און איז עטלעכע מאל געגאנגען צו אחשורושן אויסצובעטן איר פאלק פון אומקום, ווי עס געפינט זיך פארשריבן אין מגילת אסתר — „ותוסף אסתר ותדבר לפני המלך ותפל לפני רגליו ותבך ותתחנן לו״: און אסתר האט ווידער גערעדט צום מלך, זי איז געפאלן צו זיינע פיס, האט געוויינט און געבעטן ביי אים, ער זאל אפטוען דאס שלעכטס וואס המן האגגי האט צוגעטראכט פאר די יידן. ניט לייכט איז אסתרן אנגעקומען צו פועלן ביי אחשורושן אז ער ער זאל עפעס טוען קעגן דעם פארניכטונגס באפעל, ערשט נאך דעם וואס אסתר האט אים געזאגט „ווי וועל איך קאנען צוזען דאס בייז וואס וועט קומען אויף מיין פאלק און ווי וועל איך קאנען צוזען דעם אונטערגאנג פון מיין שטאם?״ האט אחשורוש מורא געהאט אז ער וועט פארלירן זיין שיין ווייב, זי וועט זיך פון פארצווייפלונג אומברענגען. האט ער זיך צוגעהערט צו איר געוויין און באפוילן מען זאל ארויסשיקן א דעקרעט צו אלע גובערנאטארן אדער פחת פון די אונטערטעניקע לענדער, אז זיי זאלן דערלויבן די יידן צו שטעלן א ווידערשטאנד און זיך פארטיידיקן קעגן זייערע שונאים. (אסתר ח׳).

דער אונטערשיד פון די נסים וועלכע מיר יידן פייערן זייער אנדענקן אין פסח אדער אין חנוכה, און דעם נס פון פורים אין געווען, וואס דעם קאמף פון יציאת מצרים האט דאס יידישע פאלק געפירט כדי זיך צו באפרייען פון פרעמדער העגעמאניע, עס איז געווען א קאמף נאציאנאלן גייסט פון ישראל און דעם נאציאנאלן גייסט פון מצרים. (זעט זהר עקב, „ארץ אשר ד׳ אלקיך״ און זהר האזינו „כי חלק ד׳ עמו״) דאס הייסט: די הילף איז געקומען דורכן אלמעכטיקן פון ישראל דעריבער דארף מען בעת דער פייערונג צו אנדענקן פון דעם נס, פסח ביים סדר טיש דערמאנען זיין נאמען און זאגן הלל כדי אים צו דאנקן און לויבן פאר דעם נס. דאס זעלבע איז מיט חנוכה, עס איז געווען א קאמף צווישן דעם נאציאנאלן גייסט פון ישראל און דעם נאציאנאלן גייסט פון די יוונים, דאס הייסט: די הילף איז געקומען דורכן אלמעכטיקן פון ישראל דעריבער דערמאנט מען זיין נאמען בעת מען צינדט־אן די חנוכה לעכטלעך און מען זאגט הלל כדי אים צו דאנקן און לויבן פאר דעם נס. פורים אבער פייערן מיר צום אנדענקן וואס אחשורוש האט דערלויבט די יידן צו פארטיידיקן זיך קעגן זייערע שונאים, דאס הייסט די הילף איז געקומען פון אחשורושן, דעריבער ווערט ניט דערמאנט דער נאמען פון אלמעכטיקן אין מגילת אסתר און מען זאגט ניט קיין הלל כדי צו דאנקן און לויבן דעם אלמעכטיקן פאר דעם נס פון פורים, וואס איז דימיינונג פון רבא. אפילו דער שפעטער פאפאסטער געדיכט „בימי מרדכי ואסתר״ ענדיקט זיך ניט „להודות ולהלל לשמך הגדול״ אזוי ווי דער „בימי מתתיהו״ ענדיקט זיך. אמת אין מאנכע סידורים שטייט צום סוף פון „בימי מרדכי ואסתר״ דער זאץ — (ועשית עמהם נס ופלא ונודה לשמך הגדול״) אבער דער זאץ איז איינגערינגעלט אין צוויי האלבע לבנות וואס הייסט: ער איז בלויז א נאר נוסח, ווייל מען דארף ניט

דאנקן דעם אלמעכטיקן פאר דעם נס פון פורים. און רב נחמן איז מודה צו רבא אז מען דארף ניט זאגן הלל אין פורים אבער ער האלט די שכינתא בגלותא קומט א דאנק פאר דעם נס וואס עס האט זיך דערוועקט ביי אסתרן דער יידישער נאציאנאלער גייסט און „קרייתא זו הלילא״: דאס ליינען פון מגילת אסתר — די געשיכטע פון דער דערוועקונג איז דער הלל צו די שכינה.

## אליהו פאלושאק

### דער צווייטער „טרעק״ צום מערב

זונטיק דעם 5־טן מערץ איז געוועזן פורים. עס זאגט זיך אזוי לייכט פורים! פורים בימי היטלער, נאך די פאגראמען פון נאוועמבער 1938, און אין דער צייט פונם גרויסן עקזאדוס, יציאת גרמניה, אינם חודש מערץ 1939! ווער קען זיך דאס פארשטעלן, ווער עס האט דאס נישט מיטדערלעבט? מיטדערלעבט אין דער גאנצער טראגיק פון א ישוב, איזאלירט אין א שנאהדיקער וועלט, און אומפעאיק זיך צו העלפן ארויסצוקומען פון אט דער וועלט אן דער הילף פון דער אויסנוועלט! טא וואס איז פורים אין אזא צייט, באזונדערש, ווען מען ווייס, אז אין צוויי טעג ארום פארלאזן מיר ביידע, גיטעלע און איך, דאס פארשאלטענע לאנד? מען קען אפשר אריינפאלן אין א יאוש, ווערן אינגאנצן אפהענטיק אדער האנדלען און דענקן עגאאיסטיש: יעדער פאר זיך און גאט פאר אלע... און דאך, האט יא געמוזט זיין א שטיקל פורים. און ס׳איז טאקי געווען א פורים מיט גרעגערס, מיט המן־טאשן, א סעודת פורים מיט צוויי אנגעצונדענע ליכט, מיט פארשטעלן זיך און מיט פארשטעלטער פריילעכקייט, און מיט געזונגענע לידלעך, איינס, צוויי, דריי...

און דער פורים האט דאך שוין פשוט געמוזט זיין צוליב די קינדער. נאך דער וואלפורגיסנאכט (אדער די קרישטאל־נאכט, ווי אנדערע רופן דאס אן) האט א שכינותדיקע יידישע פאמיליע אונטער דעם דרוק פון די גוייִשע שכנים געמוזט ארויס פון איר ווינונג און איז געקומען צו אונדז. דער מאן, קרעמער, איז געווען א פארשיקטער און פארשלעפטער אין „קיינעמס־לאנד״, אין זבאנטשין, ביי דער דייטש־פוילישער גרענעץ. געבליבן זיינען פרוי קרעמער און אירע צוויי קינדער: מאקסל, א בחורל פון א יאר דרייצען, און לאטי, דאס באחנטע רויט האריקע לעבעדיקע, צאפלדיקע און אלץ־פארשטייענדיקע פינף־יאריקע מיידעלע. מיר האבן די דאזיקע פון גאליציע שטאמענדיקע פאמיליע באזונדערש ליב געהאט. אזוי ווי מיר האבן אנגעהויבן צו פארקויפן א טייל פון אונדזערע מעבל, איז געווען ביי אונדז גענוג פלאץ פאר נאך א קליינער פאמיליע. האבן מיר זיי אפגעגעבן דעם סאלאן, דאס גרעסטע צימער אין דער ווינונג. פרוי קרעמער האט אויך פארקויפט א פאר שטיקלעך מעבעל, און זיך ביי אונדז באקוועם איינגעריכטעט. און ווען אפילו נישט אזוי באקוועם, וואלט דער געענגטער מצב פון צוויי קליינע פאמיליעס און איין ווינונג אויך נישט געווען קיין מניעה אין יענע טעג פון אומרו, מורא, שרעק און שטילער פאניק.



פאר זיך אליין און באזונדערש פאר די קינדער האט מען געמוזט אנהאלטן און ארויסווייזן א געוויסן גלייכגילט און באהערשטקייט. מיר האבן זיך געהיטן ארויסצווייזן סמנים און סימפטאמען פון אפענער פאניק און אומרו. אויך מאקסל, כאטש ער איז געווען לאנגזאם אין זיין דענקן, האט דער גלות שוין אנגעהויבן שטופנווייז צו ווירקן. ער האט געפירט א שטיקל קארעספאנדענץ מיט שולפריינט, וועלכע האבן שוין געהאט דאס גליק פריער אויסצוואנדערן אין שכינותדיקע אייראפייאישע לענדער. ער האט מיר געוויזן פארשיידענע בריוו פון געצל קאפלאוויטש, וועמענס פאטער ס׳איז יונג געשטארבן. געץ איז דאמאלס שוין געווען אין בריסל, בעלגיע, און פון דארט האט ער געשריבן צו מאקסן איבער נאציאלע פראגן און יוגנט־עליה. געבליבן איז מיר אין זכרון א זאץ, זייער כאראקטעריסטיש פאר א יונגל אינם עלטער פון 14־13 יאר: „דו קענסט נישט פארלאנגן, אז די נישט־יידישע וועלט זאל פאר דיר אויסקעמפן א היים. דער ענגלענדער וועט דאס פאר דיר נישט טון. דו מוסט עס טון פאר דיר אליין״. די פינף־יאריקע לאטי מיט איר רויטהאריקע צעפעלעך, אירע קלוגע טיף־בלויע אויגן און דער אייביקער קינדישער פריילעכקייט און זארגלאזיקייט איז געווען א מאנונג פאר אונדז, אז מיר מוזן שטארק זיין. אבער שווערע וואלקן האבן באדעקט דאס פנים פון דער קליינער פרוי קרעמער, דער מוטער פון די צוויי קינדער, וועלכע האבן זיך געפונען אין אונדזער רשות.

דאס אריינציען פון דער פאמיליע קרעמער איז נישט געווען אזוי איינפאך. אונדזער באלעבאס איז געווען א האלענדישער ייד מיטן נאמען נאטאן היימאן, א רייכער מאן מיט א גרויסער געשעפטס־פארגאנגענהייט. ער האט באזעסן צוויי גרויסע פירשטאקיגע קאמעניצעס, און איז נאך פאר די נאוועמבער־פאגראמען געגאנגען צו האלענדישע קרובים, מן הסתם צו ראנזשירן אלע פארבא רייטונגן פאר זיין אויסוואנדערונג. זיין זון, א גראדואירטער אדוואקאט, דער דאקטאר יורי עריק היימאן, איז פארכאפט געווארן אין א קאנצענטראציע־לאגער. און איך דערמאן מיך, אז מען האט אים צייטווייליק ארויסגעלאזן, ווייל ער האט געהאט א וויכטיקן פאסטן אלס סעקרעטאר פון דער ארטיקער סינאגאגן־קהלה. ווי אלע אנדערע יידישע הייזער און א גרויסער טייל געשעפטן, זיינען זיינע הייזער געשטאנען אונטער דער צוואנגס־פארוואלטונג אדער אויפזיכט פון א ווינונגס־קאמיסאר אדער „זאכוואלטער״. יעדע עטאזשע פון די גרויסע קאמעניצעס איז געווען רחבותדיק גענוג פאר צוויי קליינע פאמיליע׳ס. אונדזער עטאזשע אויף דער הינדענבורג־שטראַסע האבן מיר זיך געטיילט מיט א ריין־אריש פאר פאלק מיטן נאמען פלעקסנער. פרוי פלעקסנער איז געווען זייער א בארעדעוודיקע, און זייער באהאווענט אין אלע ענינים פון דער נאצישער באוועגונג, אירע טעאריעס און פראקטיקן, אזוי באהאווענט, אז מיר האבן שטילערהייט זי חושד געווען, אז זי איז געשטאנען אינם דינסט פון א נאצישער ארגאניזאציע. געבוירן אין פלאנדערן, בעלגיע, פון געמישטע עלטערן: האלב־דייטש און האלב־פלעמיש, האט זי באהערשט חוץ דייטש אויך פלעמיש און פראנצויזיש, זי איז געווען איבערצייגט, אז אלץ, וואס עס געשייט אין דייטש־

לאנד איז ריכטיק, און אז אלע באגרענעצונגען קעגן יידן זיינען לאגיש און בארעכטיקט. יידן זיינען א פרעמדקערפער אינם דייטשן פאטערלאנד, — מען הרגעט זיי נישט, מען שלאגט זיי נישט? זיי קענען אויסוואנדערן, וווהין זיי ווילן נאר. נאטירלעך קענען זיי נישט אלץ מיטנעמען, וואס זיי האבן זיך דערווארבן אין דייטשלאנד. דאס וואלט נישט געווען גערעכט קעגנאיבער דעם דייטשן פאלק. זי האט געקאנט אזוי רעדן שעה ווייז, איבערחזרן דעם גאנצן נאציסטישן „זשארגאן", ווי פון א בוך ארויסגענומענעם מאנאלאג. מיר האבן רואיק און שטיל צוגעהערט, און מיט איר נישט קיין סך דיסקוטירט. פון אירע רייד האבן מיר מער און מער געלערנט ארייננצודרינגען אין דער מענטאליטעט פון א שוין מער אינטעליגענטן דייטש.

איר מאן איז געווען אן אנגעשטעלטער אין א גרויסן אינדוסטריע קאנצערן, און פון נאטור א מער רואיקער זאכלעכער מענטש, צו שטארק רעזערווירט זיך ארייננצולאזן אין אינטימע שמועסן מיט יידן. ער האט אפט געשוויגן אין פארלעגנהייט, ווען זי פלעגט אזוי מיר נישט דיר נישט ארייננפאלן אין עקסטאז מיט אירע לאנגע מאנאלאגן.

עס פארשטייט זיך, אז אט מיט דעם פאר פאלק, אונדזערע נאענטסטע שכנים פון דער עטאזשע, האבן מיר זיך זייער שטארק געמוזט רעכענען, ווען מיר האבן געוואלט ארייננעמען צו אונדז די פרוי קרעמער מיט אירע קינדערלעך. מיר האבן מיט איר געטענהט, אז ווי מיר וואנדערן באלד אויס, וועלן אונדז די קרעמערס נאכפאלגן, ווען אויך נישט קיין ענגלאנד, אבער באשטימט קיין פוילן. די פרוי פלעקסנער האט די קליינע לאטי שוין געקענט פון די אפטע וויזיטן, צוזאמען מיט איר מאמען, ביי אונדז אין שטוב. מיט איר לעבעדיקייט, קלוגהייט און רייפן שכל האט דאס דאזיקע קינד אריינגעברענגט פרייד אין יעדער שטוב. אפשר האט די נאצישע וואלקירע געטראכט, אז פונם קינד וועט זי קענען ארויסגעפינען „סודות" און „קאנספיראציעס", וועלכע אירע יידישע שכנים האלטן פון איר בסוד. מיט אירע ברענענדיק־רויטע האר און נישט־יידישן אויסזעען, איז לאטי געשווינט געווארן א בוזעם־פריינדין פון אונדזער גוישער שכנטע.

עס פארשטייט זיך, אז די נישט־יידישע באפעלקערונג, אויף פראסט־יידיש די דייטשן, אנגעזאפט און אומגעשולט מיט דעם גאנצן קאדעקס פון נאצישע טעאריעס, האט מיט קנאה און אומגעדולד געווארט אויף יעדער פריי־געווארענער יידישער וווינונג. האבן דאך גרויסע מאסן פון זיי גערעכנט, אז באלד וועט קומען דער טאג און די שעה, ווען זיי וועלן קענען אן יעדער באצאלונג איבערנעמען יידישע וווינונגען מיט האק און פאק: מעבל, קליידונג, וועש און אלע פיטשעווקעס דערצו. אין אונדזער שטילער אפווערנדער פאסיוון ווידערשטאנד) — אויב מען קען אזא ווארט געברויכן — האבן מיר אין דער ריכטיקער צייט געלאזט וויסן א קליינעם קרייז פון אונדזערע מענטשן, ווען מיר וואנדערן אויס. אמאל האט זיך געיאוועט א פאר פאלק, אדער א קליינע פאמיליע, וועלכע האט צוליב די שוין באשריבענע אומשטאנדן, געמוזט ארויס



פון זייער וווינונג. און אין גאנצן האבן צו דער צייט, וועלכע איך באשרייב דא, אין געלזנקירכן, בוער און הארסט־עמשער (גרויס־געלזנקירכן) געוווינט נישט מער, ווי אן ערך דריי טויזנט יידישע נפשות אויף א באפעלקערונג פון אן ערך פירהונדערט טויזנט דייטשן.

אין אונדזער פאל האט זיך געמאלדן א יונג פאר פאלק: אדאלף שטערן און זיין פרוי רעגינא, די טאכטער פון חיים שמחה נוסבוים, אן אמאליקן שיך־הענדלער פון דער ארמין־שטראסע, וועלכער, ווי איך גלויב, איז אויך געווען צווישן די פארשלעפטע אין זבאנטשין.

אדאלף שטערן האב איך גוט געקענט נאך פון די צייטן, פונם נייטראלן יידישן יוגנט־פאריין, וועלכער האט אין די צוואנציקער יארן געהאט געשפילט א וויכטיקע ראל אינם געזעלשאפטלעכן לעבן פון דער קהלה. ער, אדאלף שטערן, איז געווען אויסערלעך א שטילער מענטש, אין וועמענס נשמה עס איז געווען שווער ארייננצוקוקן, אמאל א זייער טיכטיקער און דערפאלגסרייכער געשעפטסמענטש אינם טעקסטיל־האנדל און שטרענג־ארטאדאקסיש, עפעס, וואס זיין פרוי, א געבוירענע פון פרומע פשוטע גאליציאנער עלטערן, איז נישט געווען. נאך מיין צייט, ווען איך, און שפעטער אלפרעד היימאן און אטא גוטמאן (צוויי אלט־איינגעזעסענע דייטשע יידן) האבן צוליב אונדזער עלטער־ווערן און אנדערע אומשטאנדן, אויפגעגעבן אונדזער טעטיקייט אינם דערמאנטן יוגנט־פאריין, האט אדאלף שטערן דארט אריינגעברענגט אן ארטאדאקסיש־פרומע שיטה. מאדערנע יידישע ליטעראטור און געשיכטע זיינען קוים באריירט געווארן אין דער צייט פון זיין אנפירונג מיטן פאריין. (ביי אן אנדערע געלעגנהייט וועל איך דעם דאזיקן פונקט באריירן.)

צוליב געשיכטלעכן אמת וויל איך דערביי באטאנען, אז דער פאריין אונטער אדאלף שטערן האט נישט מער געהאט די וואגיקע געזעלשאפטלעכע שטעלונג פון די אמאליקע יארן 1925־1924.

גראד פורים־אוונט זיינען זיי, אדאלף און רעגינא שטערן, געקומען צו אונדז וועגן דעם איבערנעמען דער וווינונג. עס איז קיין סך נישט געווען צו רעדן. מען האט קיין „שליסל־געלט" נישט פארלאנגט. ס׳איז אויך קיין סוחרישע טראנסאקציע נישט געווען. ס׳איז געווען פורים, נאך דער סעודה, נאך דעם פארשטעלן־זיך צוליב די קינדער, נאך דעם זינגען און שפרינגען אין די ווייכע פילצענע הויזשיך (צוליב די גוישע שכנים פון דער אונטערשטער עטאזשע). זיינען זיך געזעסן צוויי יידישע פארלעך פנים לפנים. מיר האבן זיך טרויריק אנגעקוקט. אויס פורים! דער פורים איז אויס! קדחת איז יא א קרענק, אבער דער פורים איז קיין יום טוב נישט מער געווען. מיר האבן זיי געוויזן, אז אלץ וואס מיר געבן זיי איבער איז א וווינקיך, א שלאפצימער מיט א באד־צימער און א ספיזשארניע. דעם גרויסן סאלאן קענען זיי נישט האבן. דעם וועט, אפילו נאך אונדזער אויס־וואנדערונג, אין צוויי טעג ארום, ווייטער באהאלטן פרוי קרעמער מיט די צוויי קינדערלעך. נאר אונטער דעם דאזיקן תנאי קען ער פון אונדז באקומען די שליסען צו זיין חלק וווינונג. אדאלף שטערן, דער שטילער

מרוק פון אמאל, האט אביסל געמרוטשעט ווי א פראטעסט. אים האט זיך די גרויסע שטוב אויך געגלוסט. עס האט נישט געהאלפן. איך בין אויף מיין רעכט באשטאנען. מיין פרומער פריינט האט נאך נישט געהאט פארשטאנען דאמאלס, אז מיט דער גרויסער אויסוואנדערונג פון א טייל יידן און דעם צוזאמענרוקן זיך פון די צוריקגעבליבענע, האט זיך אנגעהויבן דער אמתער גלות אין זיין גרויזאמער געשטאלט און די גרופירונג פון קליינע קאָנקלאַוועס פון קליינע פיזישע געטאָס. אינם גייסטיקן געטא האבן מיר פאקטיש שוין געלעבט פונם אנהויב פונם נאצישן רעזשיע.

מאנטיק אינדערפרי, שושן פורים, האב איך דעם זון פון מיין באלעבאס, דעם דאקטאר יורי עריך היימאן, דערציילט פון מיין גרויסער „געשעפטס-טראנסאקציע”. ער האט דערביי זייער טרויריק געשמייכעלט, ווייל ביי אלעם פריערדיקן רייכטום, לוקסוס, שטודענטן־יארן און רייזעס, און אין דערווארטונג פון א גרויסער יורידישער קאריערע, איז ער היינט נישט ווייניקער אין גלות ווי מיר. פאר אים ווי פאר אונדז — קאריערע! ס׳איז די אנטוויקלונג פון אן אומבאשטימטן סוף... שטילערהייט האט ער אונדז מקנא געווען. ער ווינטשט אונדז גליק. מיר וואנדערן שוין אויס. אין דער אויסוואנדערונג האט יעדער געזען א גרויסע ברכה, א שטיק גליק. ארויס פונם פארשאלטענעם לאנד, פונם „נאצישן טויזנט־יאריקן רייך! *

---

* א פראגמענט פון דעם בוך. דער ערשטער פרק איז געווען געדרוקט אין „לשון און לעבן” נומער 3 (העפט 86) מערץ 1947 אונטער דעם טיטל „דער וועג צום מערב” פונם בוך „פון דער רוהר ביז צו דער טעמזע”.

(המשך קומט)

## שלח-מנות

אויסגעטיילט פון שמואל וועהייט

### יהודה ביטשן, דעם מחבר פון שיידעוועגן

וויל איך קיין בעל־חוב בלייבן,
שענק איך אים שלח מנות,
פון בעסטען סארט, איר מעגט מיר גלויבן,
מיט גוטע ווינטשען און מתנות,
פאר זיין פיינעם דערציילן,
וואס דערפרישט די ליינער,
אין טוט זיי אזוי גוט פארוויילן.

### ש. הארענדארף, מחבר פון „טעאטער-קאראוואנען”

א גוט־געפילטן טארט,
אויך א פלאש אקאוויט
פון בעסטן סארט.

דערפאר וויל איך פרעגן:
ווען וועלן קאראוואן־רעדער
אויפסניי זיך באוועגן?



### בר־כוכבא נאראד

א פורים־קוילעטש,
פיין־פארפלאכטן,
ס׳זאל זיין זכרון
העלער באלויכטן.
אויך א געשמאקן המן־טאש,
ס׳זאל זיין וואס צו עסן.
דערפאר ווען ער רעכנט פאעטן,
זאל ער, חלילה, שמואל וועהייטן
אין זיין חשבונען ניט פארגעסן!

### אליהו פאלושאק

דעם אימפרעסיאניסט
א פארציע גרויסן גייסט,
ער זאל אין זיין זוכן
געפינען טרייסט;
אז דאס אומבאוואוסטע
זאל ווערן קלאר באוואוסט.
זיגן זאל אמת און שלום
אין זיין בלאנדזשענעם גאנג;
ענדיקן זאל זיך דער חלום
מיט העלן געזאנג.

### א. נ. שטענצל

המן־טאשן
צום נאשן,
און געלט —
פולע טאשן,
דערפאר זאל ער
אונז געבן
ווייניקער לשון,
און מער לעבן!

### סעם גאלדבערג און עלען ווינאגראד

א פארציע געפילטע העכט,
מיט א כוסה — דווקא א גרויסע.
דערפאר ווי איך, מיט פולן רעכט,
זיי זאלן שאפן עפעס רעכט —
אויף א קינסטלערישן אופן —
ווי זיי קענען עס מאכן.
ס׳זאל נישט זיין בלויז צו וויינען,
נאר אויך הארציק צו לאכן.

### שלמה אויערבאך

א גרויסע פלאש גוטן ליקער,
אויך פריטלעך מיט מאן און צוקער,
זיי זאלן זיך צעגיין אין מויל,
דערפאר זאל ער נישט זיין פויל
אונז מהנה זיין
מיט זיין גוטן ווייץ
פון חכמה און וויסן,
פון וועלכע מיר ווילן געניסן!

### שמואל וועהייט

דעם דענקער דעם דיכטער
א דאזע שארפע פילן,
ס׳זאל אים האלטן ניכטער;
זיך רעכענען מיט געפילן
ווען זיין פליסיקע פעדער
לאזט זיך פריי צעשפילן...

### י. ליסקי

גאר א גרויסן גרעגער
דעם היגן עולם צו וועקן,
אז זיי זאלן פארשטיין,
ס׳וואלט א בושה זיין פאר דער וועלט,
אז די „יידישע שטימע”
זאל, חלילה, אונטערגיין.
איר עקזיסטענץ פארן זיין
איז ווערט אסך מער ווי געלט.

י. ריכטיגער

דעם חקרן שיק איך שלח־מנות
אגדה און מפרשים־ספרים,
בענטש אים אויך מיט קלארע רעיונות,
ער זאל זוכה זיין צו האבן
נבואהשע חזיונות...

משה דאמב

פריטלעך מיט מאן און אינגבער,
מיט צוקער, מיט צימערינג,
ס׳זאל אביסל בלויז בייסן
זיין באוועגנדיקע צונג.
ער זאל זיך נישט ארומרייסן,
ווייל פאמאכעטס פעדער
מאלט שארפער ווי מיל־רעדער,
ווייס אויך ווען צו בייסן...

פאמאכעטע שלח־מנות

פאמאכעט דעם כעלעמער פאעט
אפאר פיינע ברילן
פון געשליפן גלאז,
זיי זאלן גוט פאסן
אויף זיין הויקערדיקער נאז.
ער זאל בעסער קענען זען
וואס ארום אים האלט אין געשען.
ווידער זיך באווייזן מיט גבורה
און אויסנוצן זיין הומאר און סאטירע.

משה בעקערמאן

## ב י א ל ע

(אירע אייגנארטיקע טיפן פון פארגאנגענע צייטן)

ביי אונדז אין שטעטל האט מען פון קיין פאמיליע־נעמען נישט געוואוסט, בלויז געציילטע יחידים זענען גערופן געווארן ביי זייערע נעמען. דאס זענען געווען די, וואס פלעגן דערהאלטן בריוו פון זייער משפחה אין אויסלאנד אדער פון א זון „אויף די זעלנער״. און כמעט שטענדיק איז די צערעמאניע פארגע־קומען א שבת בייטאג, ווען דער „פאטשטער״ האט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטן גאס און אויסגערופן אויף זיין באסאווער שטימע: „פייוול וויינבערג! אברהם פעלדמאן! דאוויד פיינשטיין!״ און אזוי ווייטער; אמאל פון לאנדאן, אמאל פון נעוו־יארק.



ווי נאר מיר האבן געהערט דעם פאטשטערט שטימע האבן מיר, קליינ־ווארג, זיך אלאז געטון אויפן גאס. אפשר וועט ער אונדזער נאמען אויסרופן.

מיר האבן אים ליב געהאט, ווייל, ערשטנס, ער האט קיינמאל נישט געב־רענגט קיין שלעכטע בשורות אין די בריוו; פארקערט, גאנץ אפט איז דארט געווען אן אנזאג פון פינף אדער צען רובל. און אויב דער בריוו איז „זאקאזנוי״, ווייסט מען שוין, אז ס׳געפינט זיך אין אים עטלעכע דאלאר. צווייטנס, איז ער ביי אונדז, קינדער, געווען דער סימבאל פון אלע פאטשטערס אויף דער גאנ־צער וועלט... זיין מונדיר איז געלעגן ווי אויסגעגאסן אויף זיין אויסגעפאשע־טער, רונדיקער פיגור. דער ברייטער, גלאנציקער פאסיק ארום זיין טאליע און דער פעטער בריוו־טאש, אויף זיין לינקער זייט, וואס איז אראפגעהאנגען פון א צווייטן לעדערנעם פאסיק פון זיין רעכטן אקסל, האט אים געמאכט ביי אונז פאר א הויכן טשינאווניק. וואלט ער געטראגן דעם בריוו־טאש נישט אויף א זייט, נאר פון פארנט, וואלט ער, ערשטנס, פארדעקט די שפיגלדיקע ספראנטשקע פון פאסיק און, צווייטנס, וואלט ער אויסגעקוקט ווי דער סאל־דאטסקער באראבאנטשיק, וואס מארשירט אין דער שפיץ פון עטלעכע ראטעס סאלדאטן, וואס קומען אלע זומער אויף מאנעווערעס און צעלייגן זיך אויפן בריסקער שאסיי, אזוי, ווי ביי זיך אין דער היים. און די מיידן פון שטאט האלטן אין איין שפאצירן הין און צוריק... זיי פארגעסן גאר, אז מיר האבן א מעזריטשער שאסיי...

דער פאטשטער איז נישט געווען פון די מענטשן, וואס האלטן זיך גרויס און בלאזן זיך קעגן קינדער און יידן, ווי למשל דער סטראזשניק, וואס דרייט זיך שטענדיק ארום אין מארק צווישן די קראמען און מאכט דעם אנשטעל, אזוי, ווי אן אים וואלטן די יידישע קרעמער און מארק־יידינעס נישט געקענט קיין לעבן מאכן...

ווען דער טשודאק פון א סטראזשניק וואלט געזעען ווי זיין מונדיר הענגט אויף אים, ווי א זאק; ווי זיין לאנגע שווערד באמבלט זיך אויף א זייט; און מיט זיין פעטער, שכורער נאז צווישן די צוויי אנגעוואקסעוועטע, שפיציקע וואנצעס, וואס קוקן צום הימל, קוקט ער אויס ווי א דריט־קלאסיקער קאמיקער אויף א וואדעוויל בינע — וואלט ער זיך נישט געהאלטן אזוי גרויס ביי זיך.

דער פאטשטער, ווי געזאגט, איז געווען א פשוטער מענטש, האט גערעדט יידיש ווי א וואסער. מיט די דערוואקסענע האט ער גערעדט פון „מאנאפאל־קעס״, געפילטע קישקע, מייערן־צימעס און אזוי ווייטער. מיט די קינדער — וועגן וויין, דארע קיכלעך און גוטע קעפלעך אין חדר.

אלזא, ווי געזאגט, האט מען כמעט פון קיין פאמיליע־נעמען נישט גע־וואוסט. דערפאר זענען מיר אבער נישט פארלוירן געגאנגען אין קיין צונעמען צו באצייכענען יעדן איינציקן, ענטוועדער פערזענלעכע, ווי „שלום־קצב״, „בערל קאצאפ״, „יאס״, „רב שאולקע״, „חיימל רופא״, „דער טאקער״, „אבא שיכע״, „יצחק לאפאטע״ און אזוי ווייטער. אדער לויטן מקור, ווי „יאנקל בראכיעס״, „מענדל רויזעס״, „ברוך סראלע מיליערס״ און אזוי ווייטער.

ביי מיר אין זכרון זענען פארבליבן דריי טיפן, מיט וועלכע איך בין געקומען אין נאנטן קאנטאקט. דאס זענען: יצחק לאפאטע, אבא שיכע און יאנקל בראכיעס.

יצחק לאפאטע איז געווען דער איינציקער בייגל־בעקער, וואס האט זיך קונה־שם געווען אין שטאט. ער איז נישט געווען סתם א בעקער, וואס באקט אויך זעמל און בולקעס. ער איז געווען א בייגל־בעקער אין פולן זינען פון ווארט. מיט זיינע אייער־בייגל האט געקלונגען ווייט און ברייט ארום ביאלע.

יעדע שטאטל צייכנט זיך אויס מיט איר אייגנארטיקן געבעקס. מעזריטש, למשל, האט געהאט א שם מיט אירע פלעצל. די קלענערע באשפרענקלט מיט ציבלקעס און זאלץ און די גרעסערע, וועלכע זענען געווען פוכקע ארום ברעג און זיך אראפגעלאזט ווי אין א טאל אין דער מיט, זענען באשאטן מיט אסך מאן און געפרעגלטע ציבלקעס — זענען בארימט געווען ארום לוקאוו, לאמאז, ראדזין און ראשאש. צו די גרויסע פלעצל האט מען קיין פוטער נישט געדארפט...

אבער יצחק לאפאטעס אייער־בייגעלעך האבן ארומגענומען א גרעסערן קרייז. יידן, וואס זענען געקומען קיין ביאלע וועגן האנדל פון טערעספאליע און בריסק, זענען אהיימגעפארן מיט עטלעכע קרענצלעך אייער־בייגל.

בריסק האט אפילו אויך געבאקן פלעצל, אבער נישט אזוי ווי די מעזריטשער. קיין מאן האט נישט געפעלט, אבער נישט אזוי פוכקע ארום ברעג; פלאך און דאר, צו וועלכע מען האט געדארפט האבן געזונטע ציין.

זיין נאמען, יצחק לאפאטע, האט זיך טיילווייז גענומען פון שיבן בייגל אין באק־אויוון, אבער הויפטזאכלעך ווייל ער האט אין גאנצן אויסגעקוקט ווי א לאפאטע: דאר, לאנג, שמאלע אקסלען, א פלאטשיקע נאז אויף א פלאטשיק פנים און א ברייטן שטערן. אט דער קאפ איז געזעסן אויף א לאנגן האלדז און אונטער דער גאמבע האט זיך באוואויגן א מין קנאפ ארויף און אראפ ווען ער האט גערעדט. דאס איז געווען ענלעך צו די עלעקטרישע קנעפלעך, וואס מיר נוצן היינט אויף צו מאכן ליכטיק אדער פינסטער אין שטוב...

דאס ערשטע מאל, וואס איך האב זיך געטראפן פנים־אל־פנים מיט יצחק לאפאטע, איז געווען צו מיין צווייטן געבורטסטאג. גראדע יענעם טאג איז מיין באבע געקומען צום באשלוס, אז איך בין געשטארבן און באלד איז געווארן א גרויסע קלאגעריי אין דעם לאנגן, שמאלן שטיבעלע, אז מען האט געקענט א טויטן אויפוועקן... אזוי ווי קיין מאנספארשוינען איז אין שטוב נישט געווען, איז מען געלאפן ברענגען יצחק לאפאטע. מען האט דערווייל נישט פארגעסן מיך אוועקלייגן מיט די פיס צו דער טיר און אוועקשטעלן צוויי אנגעצונדענע ליכט צוקאפנס, און דאן ווידער קלאגן.

ווען ער איז א פארסאפעטער אריינגעקומען, איז ער גלייך צו צום „מת“, אפגעדעקט דאס שווארצע טוך פון מיין פנים און ער האט זיך באגעגנט מיט צוויי ליכטיקע, אויסגעוואשענע אויגן, וואס האבן אויף אים געקוקט מיט א



ציגישן שמייכל.

אויסגלייכנדיק זיין דארן רוקן, און מיט זיין עלעקטרישן קנאפ אין פולער באוועגונג, שרייט ער אויס:

— וואס ווילט איר, נעבעך, פון דעם ארימען קינד? ער האט דאך גארנישט אין זינען צו שטארבן!

ווער ווייסט וואו איך וואלט שוין איצט אנגעשפארט ווען ביאלע וואלט נישט פארמאגט א יצחק לאפאטע!...

## מאקס עלנצווייג

## א פאטער זאגט קדיש

ווען א פאטער אדער א מוטער שטארבט,
קען דאס קינד עס נישט פארטראגן:
עס לויפט געשווינט נישט צו פארשפעטיקן
דאס קדיש־יתום צו זאגן.

די טרערן אין זיינע אויגן
מאכן אלעמען מיט אים מיטקלאגן.
די צייט אבער גייט אוועק
און דער זון הערט אויף קדיש זאגן.

אבער ווען א פאטער און א מוטער
פארלירן זייער קינד — — —
ווי גרויס איז דער ווייטאק,
ווי גרויס איז די וואונד,
אז דער פאטער דארף זאגן
יתגדל ויתקדש נאך זיין קינד.

## משה דאמב

## אויף חרובע וועגן

(המשך)

ווען יחיאל איז ארויסגעקומען פון די וואלדישע טונקעלקייט און קילע שמעקנדיקע לופט, האט ער דערזען א זוניקן שיינענדיקן שפיגלדיקן בליאסק, אויפן פלאך פון די אזיערע ביים וואלדישן טונקעלען ראנד, ווי זון און דער הימל וואלטן זיך געבאדען אין די אזיערע. הויכע וואסער גראזן, האבן זיך סודותדיק געשטנט געבן די וואסער ברעגן, פון אט די וואסער גראזן, האט זיך געהערט א מעלאנכאלישער מרה־שחורהדיק־טרויריקער איינטאניקער ניגון: הא... האא... דאס האט עפעס א וואסער באשעפעניש געוויינט, אפשר אויף זיין ביטערן גורל, אפשר גאר איז דאס געווען א נעבעך געשטראפטער גילגול פון א יונגען מענשן... ווער קען דען תופס זיין די מיסטעריע פון מענש און נאטור... האט יחיאל כסדר ביי זיך געטראכט.

ווילד רויזיקע פייגל־מילך צווייגלאך, האבן זיך געבויגן צום וואסער־פלאך, ווי דארשטיקע וואס ווילן זיך אנטרינקען מיט וואסער, א ווייס־שווארצער באטשאן האט זיך געוואשן זיין שלאנקן האלדז און דערביי כסדר געשלינגען פיטשינקע זשאבעס, קוויטשענדיקע מעוועס האבן געקרייזט איבערן וואסער און די שמעקנדיקע לאנקעס, — שוואלבן האבן זיך בליץ־שנעל געטונקען אין וואסער און דערביי געכאפט ווערימלאך, נעבן שעפסלס הילצערנע וואסער־מיל זענען געשטאנען קיען אין שאטן און פון צייט צו צייט פארבענקט געמעקעט, די שטיינערנע וואסער־ברעגן האבן פון וויטנס שימרירט אין בלוליך־גרינליך־שווארצע און קרייטיק־ווייסליכע קאלירן, פון העט ווייט ווייט האט מע געזען ווי די פוירים און פויערטעס, שטייען אויף די פריזבעס פון זייערע הייזער, פון די דערנעבנדיקע פעלדער שמעקט מיט געקאשיעטע רעזעדע, געבן די מיל ביים וואסער־אויסגוס פון די אזערע, שפריצט מיט וואסער־בריזגעס ווי פערל, פון העט ווייט האט מע געזען, פיאלעט־בלויע ווייטקייטן פון די חמיעלניקער בערגער, דאס אלעס אינאיינעם האט עפעס געשאפן א וואונדערליכע פאנטאסמאגאריע אין יחיאלס מח און ער האט דערביי זיך געטראכט: א פעיזאזש פארבעסערט די שטימונג פון מענש, באזונדער ליבט מע די נאטור ווייל זי האט ניט קיין עסטעטישע כונות, סע האט אים אויפגעפרישט און געמאכט אין אלעם שלעכטן פארגעסן און געוועקט אין אים העראישע גוטהארציקע געדאנקען, אפילו דער מענש טוט שלעכטס אן אנדערן מענשן דארף מע בשום אופן ניט נקמה נעמען אין דעם שלעכטן מענש, מע דארף דעם שלעכטן מענש אפדינען מיט גוטס און גלייכצייטיק אים איבערצייגן ווי אידיאטיש סע איז יענעם צו טון שלעכטס און ווי זיס און גוט סע איז צו זיין מענשליך... ער האט טיף אפגעעטעמט און געקוקט צום לאזור־בלויען הימל, סע האט שוין געשמעקט מיט בין השמשות און פורפורנער זון אונטער גאנג דארפאר האט ער זיך געאיילט וואס שנעלער זיך אויסצוטון און זיך באדן אין די אזיערע.

ווי יחיאל איז נאר געשטאנען גרייט אריינצושפרינגען אין וואסער אריין, האט ער פלוצלונג דערהערט א געשריי: אוי... אוי... ראטעוועט... הילף... ער איז שנעל איבערשפרינגען די ווילדע שטעכיקע רויזן־דערנער, מיט אויסגעשטארטע אויגן האט ער דערזען, א גרופע, מיידלאך מענער, האלטן רודערס אין די הילצערן שיפל וואקעלט זיך מערסטענס אין איין זייט ווי אט אט, האלט עס ביים זינקען אין מיטן דער אזיערע אווו דאס וואסער איז זער טיף. ווען דער ערשטער שרעק איינדרוק איז אריבער, האט ער ערשט דערזען אז דאס איז מלכה און דינה, מיט די רעשט חברה זייערע. בליץ שנעל איז ער אריין אין וואסער און געשווימען צום זינקענדיקן שיפל, מיט א פארכאפטן אטעם האט ער געשניטן דאס וואסער, ווי אלע געניטע שווימער האט ער ניט געשראקן, וואס וואסער איז אים געקומען אין מויל אריין, יעדער מינוט האט אים אויסגעזען ווי א שעה. ווען ער האט שוין ענדליך דערגרייכט דאס שיפל, האבן אלע אינאיינעם זיך צעשריגן כאאטיש: אוי... אוי... חיל קרוין ראטעווע... אוי... זעסט דאך... באלמיטשע ניט... אוי, סעט זא שפעט...



שנעל... חיל דערבארעם דיך... זיי האבן געהעשעט און זיך געכאפט ביי די קעפ און דערביי זיך געדרייט אהין און א א הער. זייערע פנימער זענען געווען אשיקגרוי מיט מורא פארן טויט זייערע קערפערס האבן קאנוולסיוו געציטערט, ווי אט אט שפרינגט דער מלאך־המות שוין ארויס פון די וואסער טיפעניש און טויטעט זיי אלע אוועק אין א פאר מינוט ארום. אבער יחיאל האט זיך פארהאלטן פלעגמאטיש און גארניט געענטפערט קיינעם, נאר כסדר געשעפט דאס וואסער פון שיפל און גלייכצייטיק דערביי פאוואליע דאס געשלעפט צום ברעג.

דער לערער חיים גרונער, יהושע גליק, האבן געתמט און פארחושט געקוקט, דא צום שיפל, דארט צום וואסער, אומגערנווילק בליץ־שנעל א קוק געגעבן אויף יחיאלן ניט מיט א דאנק בליק אין די אויגן, נאר א קאסאקע בליק, ווי זיי וואלט באנג געטון וואס דווקא ער חיל איטשעלס, האט זיי געראטעוועט דאס לעבן און ער זעט אויס אין די מיידלאכס אויגן ווי א העלד, דאס האט יחיאלן א ריץ געגעבן די נשמה און ער האט זיך באמיט וואס שנעלער פון זיי צו אנטלויפן, דינהס פנים איז געווען פארבלאסט און עטוואס פארגלייזט די אויגן. פון די מיידלאך האט זיך געטראגן א פייכטער קילער ריח פון טייך־וואסער און מאנדלזייף, פון אנשטרענגונג האבן זיי טיף געאטעמט, ביי מלכהען האט זיך דער באד־בגד עטוואס אויפגעשפיליעט, האט ער גערנווילק א קוק געגעבן אויף איר שיינעם עפל־פארמיקן שניי־ווייסן ביוסט, אינסטיקטיוו האט זי שנעל דערפילט זיינע בליקן, האט זי טאקע זיך פארדעקט מיט א האנד־דלאניע און ציטערדיק זיך פארלוירן פאר עפעס אונבאקאנטעס ארום זיך און מיט אראפגעלאזטע אויגן לעפעלאך האט זי פארשעמט עפעס געמורמעלט, ווי צום וואסער־פלאך, וואס איז געווען באדעקט מיט א טיול פון דעם זון־אונטערגאנג. די אנדערע מיידלאך האבן געהאט אפגעצוואגענע לאקיגע האר, איבערן פנים האבן זיך ביי זיי טיילווייז געשלענגעלט עטליכע הארלעקלאך, וואס דאס האט זיי צוגעגעבן קינדערשן חן און יוגענטליכע נאיווע אומבאהאלפנקייט, זייערע קולות זענען געווען עכט נאטירליך, ווען זיי האבן אומזיכער מיידלעריש געקוויטשעט: אוי, חיל, חיל... ביסט שוין איינמאל א יונג... יחיאל האט שווייגנדיק פארבויגן זיין קאפ, שנעל געלאפן איבערן וואסער גליטשיקן ברעג זוכען זיין אנגעטוערכץ, ערט זיך שנעל אָנגעטון און איז אוועק צום וועג וואס פירט צום שטעטל, גייענדיק נעבן דעם פארשטויבטן קאלכיקן שאסיי, האט אים פון וויטנס דינה גערופן: חיל... חיל... ערט זיך ניט אומגעקוקט נאר איז געגאנגען פארקלערט און פון צייט צו צייט זיך אפגעשטעלט נעבן א קאשטאןבוים, פארדאס האט דינה אויסגעמיטן דעם שאסיי און געשפרייזט דורך א פארקירצטן וועג פון געקאשיעטע קארן פעלדער און פיאלעט־ווייסע באבלימעלטע קארטאפל־בייטן, כדי וואס שנעלער צו דעריאגן יחיאלן.

אויפן קרייץ וועג, צווישן חמיעלניק און פינטשעוו, איז געשטאנען אן אלטער ליפאווער בוים, אויף די קארע פון בוים האט געהאנגען א יוזל אויף א פארזשאווורטן צלם, די צווייגן פון דעם בוים זענען געווען צעשפרייטע און סע האט דארט געשמעקט פון די בליענדיקע ליפע בליערכץ, אסך מאל האט

דארט יחיאל געטראפן זיך מיט דינהען, ווען זי פלעגט קומען אויף וואקאציעס פון די פרויען־שולע, ווען דינה האט נאכאמאל אים גערופען, האט עס אים עפעס אינזיך געזאגט: זי איז דאך פארט בעסער פון זיי אלע... און ער האט זיך אפגעשטעלט דווקא ביי אט דעם בוים, און מיט א מידן אראפגעלאזטן קאפ געווארט ביז דינה איז צוגעקומען צו אים.

דינה איז געווען דעריאכמעט, צעשוידערטע אפגעצוואגענע האר־לאקן, האבן שלענגעלדיק געווייעט איבער איר מיד שיינינקע פנים, פון צייט צו צייט, האבן עטליכע הערלאך פארשטעלט אירע גרין־בלאע אויגן, זי האט געקוקט צעשראקן גלייכגילטיק מיט חשד און זיך אנגעשטרענקט ניט צו פארלירן זיך און ארויסכאפן זיך חלילה מיט א שלעכט ווארט, זי האט גוט געוווסט, אז א שלעכט ווארט לויפט ארויס ווי א פיטשינקע פייגעלע, און קומט צוריק ווי א טייפל... וואס איז דען די לערע און ביכער, אויב ניט דעריקר אויסצוראטן די חיה אין מענש?... האט זי ביי זיך שטענדיק געטראכט, באזונדער האט זי אסך געלערנט וועגן דעם, פון אירע פרויען־פראפעסארן, אז מיט גוטסקייט, קען יעדער מענש פיעל מער דערגרייכן, ווי מיט שלעכטסקייט, אסך מאל פלעגט זי זאגן די פיערזשניצער און די צעלינער יונגע מיידלאך: אוי, מיידלאך, מיידלאך, א גוטן מענש דארף מען זוכען ניט מיט ליכט, נאר מיט ריזיקע רעפלעקטארס... פארדאס האט זי ליב געהאט, דעם שטעטלדיקן דאקטארס יונגסטן זון, משהלע בעסער, אפשר טאקע איז דאס געווען די פסיכאלאגישע סיבה אירע, וואס זי האט אזוי געחלשט און זיך פארליבט אין יחיאלן, וואס אין איר אונטערבאוווסטזיין האט זי געוווסט אז יחיאל איז א אידעאלער מאן מיט פלענער און אידעען אויסצובעסרן דעם מענש, זי האט געוווסט אז יחיאל שרייבט פאעזיע און דערציילונגען און יחיאל האט איר אמאל געוויזן און געליינט א בריוו פון גרויסן יידישן שרייבער, י. מ. ווייסענבערג. ווייסענבערג האט יחיאלן גערן געהאט, בערגעלסאן און ווייסענבערג, זענען געווען אירע באליבסטע יידישע שרייבער. חוץ דעם האט זי אליין געשריבן פאעזיע געהיים, דעם תמצית אין לעבן האט זי געזען אין דער שיינקייט פון דער נאטור אין מוזיק און אין ליטעראטור און אין אינטערעסאנטע מענטשן. דער סינאנים פון אינטערעסאנטקייט איז ביי איר געווען דווקא יחיאל, דאס וואס אין שטעטל האט מע אים קריטיקירט און בארעדט, דאס האט נאך מער איר אינטריגירט אים צו קענען און מיט אים צו רעדען און הערן זיינע אינטערעסאנטע מיינונגען וועגן אקטואליען אין דער וועלט און וועגן אלעם וואס סע אינטערעסירט איר זעלבסט. אסך מאל ליגט עפעס טיף אינזיך און מע קען עס בשום־אופן ניט ארויסברענגען אויף דער אויבערפלאך, אוי טוט עס וויי...

יעצט ביים בעגעגנען זיך מיט יחיאלן, איז איר טאקע געלעגען אן עפעס טיף אינזיך, פארדאס איז זי אזוי געלאפן אים צו באגעגענען, אפשר וועט ער איר פארלייכטערן די טיף אינזיך פארפלאנטערטע ליידן... יעצט, נאכן איבערצייגן זיך טאטזאכליך מיט זיין מענשליכקייט, האט זי זיך אנגעשעפט מיט ענטוזיאזם און כסדר גערעדט צו אים ווי מיט א אינערליך קול: חיל, זיי אלע...



יא, אלע... בעטן אייך איר זאלט קומען צוריק צו די חברה... מירן שפאצירן זאלבענאנד איבער די געקאשיעטע שמעקנדיקע לאנקעס און ביים זילבערנעם שטויב פון דער לבנה... סע וועט שוין איינמאל זיין גוט... אירט אליין זען... נו?... קומטזשע... גייט שוין, גייט שוין... זיי האבן גארניט געמיינט אייך צו באליידיקן... ביי פראסטע מענשן איז דאס נאטירליך, זיי ווייסן ניט וואס סע איז גוט און וואס סע איז שלעכט... זייט זיי מוחל, אפילו די חנה אייזנער שווייגט, זי וויל אייך דווקא זען... מלכה שאפירא האט זיך אפגעזונדערט פון שיעלע גליק, זי גייט מיט פיטשינקע טריטלאך מיט א ארפגעלאזטן קאפ... זי שווייגט אויך... נו, ווער ווייסט וואס סע טוט זיך ביי זיי אינזיך...כעל אייך זאגן יעצט אן אמת, זי פלעגט מיר זאגן אז זי האט גארניט קעגן אייך, פארקערט, אינזיך בענקט זי אסך מאל אייך צוזען, סע ציט זי צו אייך... נאר איר טאטע האט אין איר כסדר אריינגערעדט, אז אך און ווי איז צו א ייד וואס ווערט געבוירן א גארבער... ווייל איז דעם ייד, וואס ווערט געבוירן א בשמים־הענדלער... א־א־א־... א, הא... יעצט פארשטייט איר שוין אלעס?... טא פארגעסט שוין יעצט אין אלצדינג און קומט מיט מיר... נו, קומטזשע?... איר דארפישע געזונטע נשמה האט זיך טאקע ניט פארלוירן, ווען זי האט געהערט יחיאלן רעדען, האט זי זיך אינזיך צעזינגען פאר פרייד און זי האט געהערט מיט גיריקייט, זיינע ווערטער.

יחיאל האט שווער אפגעעטעמט און קורץ איר געענטפערט: ניין דינה, סע איז פאר מיר שווער זיך צו טרעפן מיט די חברה, סע מיגלט מיך זייער אנוועזנהייט, ווען כ׳האב געראטעוועט זייער לעבן, זען זיי איין אז זיי האבן כסדר שלעכט געהאנדעלט קעגן מיר, איך בין אנטוישט, צוליב דעם וויל איך אנטלויפן. סע האט מיך טאקע געצויגן צו זיי א לאנגע צייט, נאר צוליב מלכהען, אבער יעצט ווען בעת זיי האבן געזען דעם טויט פאר די אויגן, האב איך זיי אינדער מינוט טאקע בליץ־שנעל דערקענט און דערזען אזעלכעס, וואס איך קען אייך ניט מיט ווערטער אויסדרוקן. דינה האט שנעל אים איבעררריסן די רייד: אבער חיל, צו מיר האט איר גארניט? זאגט?... יחיאל האט פארטרויערט אראפגעלאזט דעם קאפ און איר רואיג געענטפערט: הערט דינה, איר זענט אסך שולדיק אין דעם ענין צווישן מיר און מלכרהען, איר האט געוואלט שיסן צוויי האזן מיט איין שאס... אירט געוואלט אז מלכה זאל זיין מיט אייער ברודער שמוליקן און מיט אים חתונה האבן... גלייכצייטיק אפציען איר אופמערקזאמקייט צו מיר... יא, אירט געהאט א כוונה דערביי... אינזיך האב איך דאס שוין לאנג געוווסט, נאר כ׳האב עס ניט געקענט ברענגען אויף דער אויבערפלאך...

דינה האט אים אנגעקוקט מיט באוווונדערונג און שנעל געעפנט א פאר צעשראקענע אויגן, און בליץ־שנעל האט דער אינזיך ביי איר פארלוירן דעם כח און זי האט זיך אנגעשטרענגט צו רעדן פון מח: חיל, ווי איך זע, ווילט איר דווקא זיין ווי א פראטאטיפ פון איבסענס העלדן, בראנד, דר. שטאקמאן, וואס ווילן דווקא בלייבן אליין, יא, אליין... איר רעכנט אז דאמאלט וועט איר

גאר זיין א שטארקער מענטש און זיין גליקליך ?... אוי, האט איר א גרויסן טועת... די מאראל און ערפאלג פון מענטש, איז אפהענגיק פון דריי זאכן, אמת, פרייהייט, און דעריעקר, ליבע, יא, ליבע... ליבע צום מענטש, איר הערט חיל, דער מענטש, איז א גרויסע זאך... טא פארוואזשע אנטלויפט איר פון אלעמען ?... יחיאל האט שטאר א קוק געגעבען אויף איר און באלד אראפגעלאזט דעם קאפ און איר פלעגמאטיש געענטפערט : איך אנטלויף ניט פון קיינעם, אייערע ווערטער זענען שיינע ביכל־ווערטער, איר זענט א שיין געלערנט מיידל מיט א רייכן טאטן, איר קענט ניט קיין מענטשן, פארדאס רעדט איר אזוי שיין וועגן זיי, אז איר וועט זיך אמאל צוזאמענטרעפן מיט מענטשן און אירט זיך אנטוישן וועגן זיי, דאמאלט וועט איר אנדערש דענקן, ביים מענטש וועט איר אלעס געפינען, גוטס און שלעכטס, אבער דאס גוטע איז פאזירט און דאס שלעכטע איז נאטירליך פונקט ווי ביי אלע חיות... ווען סע לוינט זיך אים איז ער גוט, אבער ווען ער פארלירט זיך, דאמאלט זעט מע די שפיזן נעגל... באזונדער, אסך מאל וויל איך פשוט אנטלויפן פון זיך זעלבסט, אבער כ׳קען ניט... זער אפטן איז דער מענש פול מיט אינערליכע און אויסערליכע יסורים, וואס קומען מערסטנס פון מענטשן וואס מע האט ליב, מע פארערט און סע ציט צו ׳זיי, פלוצלונג מאכט זיך א מאמענט און מע דערקענט די מענטשן דווקא דורך א קלייניקייט, אדער גאר בעת זיי זענען אין א אומגליק, בליץ־שנעל ווערט מע אנטוישט און סע נעמט ארום א מיגל צו דענקן אפילו וועגן זיי. אט אזוי זייט איר אלע יעצט, בעת איר זייט אלע געווען אין א טויט־סכנה, האב איך זיך ניט פארלוירן, ווייל אייער סכנה האט מיך ניט געשראקן און גלייכצייטיק געדענקט, אז אייער חברה וואלטן אפשר פאר מיר גיט מקריב געווען דאס לעבן, צוליב דעם האב איך מיט א וואך אויג אייך אלעמען בליץ־שנעל דערטאפט די נאקעטע נשמה... יעצט אנטלויף איך צום שטעטל, וואס איז מיר אייביק ליב און טייער, דארט זענען מיינע טאטע מאמע און די ארימע הייזקע מיטן קעלער אווו סע איז די גארבעריי, דער יוכטענער געשטאנק איז מיר יעצט ליב, די בלא געקאלכטע שטיבלאך זענען מיר טייער, אפילו דער געל געשפרינקעלטער קאטער אויפן פיעקיליק איז מיר נענטער יעצט ווי פריער, ווען כ׳וועל אהיימקומען און קומען צו זיך וועל איך אפשר וויסן די פסיכאלאגישע סיבה פון דעם אלעם וואס און פארוואס כ׳האב צוערשט כמעט געהאסט איז מיר ליב. יעצט, דאס אלעס וואס כ׳האב אמאל ליב געהאט, האס איך, סע מיגלט מיך פשוט... אלזא, דינה, זייט געזונט און שטארק, פארט קיין לאנדאן און שרייבט אמאל צו מיין משפחה, דינה האט אים גיריק א פרעג געטון : וואס ? צו אייער טאטע מאמע, פארוואס ניט צו אייך ?... זי האט זיך שנעל אויסגעדרייט און ניט ווארטענדיק אויף א תשובה איז זי אוועק איבער די פעלדער, זי האט גערנווייליק אויסגעמיטן צוריקציין צו די חברה.

עס איז שוין געווען טונקל, ווייט אויפן מערב האריזאנט איז נאך געווען א רויט־פורפורנער הימל, א פולע לבנה ווי א גרויסע ציטרין האט ווי געלאכט



פון דעם ארום, א פעלד גריל האט מעלאנכאליש פארבענקט געגרילט. פון שטעטל האבן זיך געהערט מאדנע עכאדיקע העוית. הייליקע יאן פליגעלאך, האבן פייערדיק געלויכטן ווי פעלד גייסטער. פון העט ווייט ווייט, האט מע געהערט אבאס־קול : ד־יי־נ־ה, ד־יי־נ־ט... דינה האט אפשר ניט געהערט ווייל זי האט זיך אוועקגעלייגט אויף די אפגעשניטענע סנאפּעס קארן, און איינגענארעט איר האריקן קאפ, צווישן די שמעקנדיקע ערשט אפגעשניטענע קערנער מיט רעזדע־גראזן אויסגעמישט, און זיך שטארק צעוויינט ; גאט, גאט, זע... זע... פארוואס קומט דאס מיר... סע האט זיך איר געדאכטן, אז זי זינקט אין א ים פון שטרוי אויסגעמישט מיט טרערן, ווייל דער נאכט טוי האט באדעקט די שטרוי־סנאפעס, זי האט פלוצלונג דערהערט ווי די חברה רופן איר, אבער זי האט זיי ניט געוואלט ענטפערן, כדי זיי זאלן ניט זען אירע פארוויינטע אויגן, כאטש סע איז איר געווען קיל און נעציק און א פחד האט איר געמאכט גליווערן די נערוועז און דעם מח, ווייל ניט ווייט פון דעם פעלד איז געווען דער חמיעלניקער בית־עולם, איז זי דאך פארשלאפן געווארן ביז פארטאגס, א היימגייענדיק האט זי געטראכט ביי זיך : ווער ווייסט, אויב די חרובע וועגן ציען זיך ניט אזש ביז לאנדאן און אפשר נאך ווייטער... יא, ניט די וועגן זענען געווען חרוב ווען גאט האט געשאפן די וועלט, נאר מענטשן האבן זיי חרוב געמאכט... יא, ווי ווייט סע ציען זיך... די וועגן פון מיין רייזע, וועט אלעס חרוב ווערן... אויף איין ארט מיט דרייסיק יאר פריער, אויפן לעצטן ארט, מיט דרייסיק יאר שפעטער... אוי, הלוואיזאל עס ניט מקוים ווערן, ווי אלעס זעט אויס זיכער...

## א. נ. שטענצל

# מיין היים אין זאגלעמביע

ק. צעטניק

אַ לאָנדאָנער פעברואַר־טאָג, ספּעציעל קלימאַטיש ; די זון אַ געדינטע פון צינק־טונקלען־זילבער געגראָבן אין אלט־פארשאָטנטע, טיפע קאַרנוואַל־„מיינס“ און „מעד“ אין ענגלאַנד ; ממש אַ מיסטיש נישט־דורכזיכטיקע, אַ כסדר נעפלדיקע קאָמפליצירטקייט, — אַ זון און אַ רעגן“ רגעדיקע פארענדערלעכקייט, ווי דער ענגליש קאָמפליצירטער מענש ! — לגמרי נישט צוגעפּאַסט, מיט זיינע „טעמפּא“ טעמפּעראַטור־ענדערינגען, צו מיין שאַרף־פאַרשפּיצטער נאָז־קאַטאַר און כראָנישן בראָנכיטיש, וואס ציט זיך דורך א קייט פון דורות ביז צום ערשטן רב־הכולל גליל זאַגלעמביע, דעם נאָך לעגענדאַרישן, אָבער שוין באַוווסטן בענדינער רב — ר׳ דוב בעריש הערציגער.

דער רבי ר׳ בונים, ווי אַ בענדינער איידעם, איז שוין געזעסן ביי זיינע שלוש־סעודות־טישן אין דער „חסידים־שטוב“, און ר׳ אברהמלע טשאָכעטשעווער, ווי יליד בענדין, איז יעדן שבת געקומען זיך פאַרהערן.

אַ פאַרמאַטערטער פונם ירושה־עול און פון דער גרויסער פרייד, וואָס דער יאַנואַר נומער „לשון און לעבן“ איז דאָך אַרויסגעקומען אין צייט, ווען אפילו

אינם לעצטן טאָג פונם חודש, בין איך פון דעם שטיקנדיקן דרוקעריי־בליי, — ווי אַ רעקאָנוואַלעסענס פון דער בושעווודיקע גריפּע! — אַהיימגעלאָפן מיך אויסצורוען אויף א שעה.

כ׳וויל כאַפּן אַ דרימל, אָבער עס זשימיעט זיך נישט. אין קאָפּ דרייט זיך מיר דער צוגעזאָגטער אַרטיקל פאַרן „ספר זאַגלעמביע״, וואָס איך האָב מיר שוין פאַרגענומען דעם חודש שוין אָנצושרייבן. עס דרייט זיך מיר דער קאָפּ: בענדין, סאָסנאָוועץ, דער דריי־עק ביי דער פּרייסישער גרענעץ פּיאַסקעס־מילעוויץ־טשעלאַדז; דעם זיידנס אוהל אויפן בענדינער באַרג, מיט זיין לעגענדאַרן נר־תמיד, די גוטע טשעלאַדזשער באָבע, וואָס קאַזאַקן האָבן פאַר איר גאַנג געציטערט.

שוין אַ יאָר ווי איך דריי מיך אַרום אַרום דער וואָרט טשעלאַדז און איך האָב מיך מורא דערצו צוצורירן, אַ וואַרעמע ווונד וואָס הערט נישט אויף צו טריפן: מיין הייליק וווּנדערלעכער טאַטע, מיין סודותדיק שיינע מאַמע, מיין ברודער זצ״ל — — — ווי מיינע אויגן ברענען: מיין געהייליקטע שוועסטער גייט אויף אין די פלאַמען!

כ׳האָב מיך מורא צוצורירן צו דעם וואָרט טשעלאַדז — אבער אַלץ וואָס איך שרייב וואַקסט רק פון יענעם וואָרט! ווי די אור־וועלדער דאָרט אונטער דעם שטיקעלע ערד זיינען צעוואַקסן אין טיפע קוילן מיינס, אין קאָפּאַלניעס, אזוי אַלע ווערטער מיינע וואַקסן אין מיר פון דעם איינעם וואָרט — — ווען איך טראַכט פון טויט, טראַכט איך דאָס וואָרט „טשעלאַדז״.

איך מענטש מיך שוין, אַן אָפּגעריסענער פון יענעם שטיקעלע ערד, איבער אַ האַלבן יאָר־הונדערט, איבער דער וועלט און אַלץ וואָס איך טראָג אין מיר, איז די שיינקייט וואָס געזויגן מיט דער מילך פון מיין מאַמעס ברוסט — איך שפּיר זי נאָך איצט אויף מיינע ליפּן! און די מיסטישע וווּנדערלעכקייט פון מיין טאַטנס קלוגן שמייכל שפּיר איך תמיד, ווען עס געלינגט מיר אַ ליד.

וואָס דאַרף מען דען נאָך, וואָס קען מען דען נאָך לערנען אין דער גרויסער וועלט, ווען מיט דיר אינאיינעם אויף דעם פּיצעלע ערד טשעלאַדז, אין זיידנס שטוב, איז געבוירן געוואָרן דער תורה־גאון פון פּוילן: לייב הערש פּראָמער, דער לעצטער ראש ישיבה פון ישיבת חכמי לובלין.

ביז ברויזנדיקע גאונות־שגעון באַרואיקט זיך און ווערט פאַרוויגט אין האַרציקע צדקות גייט אָן אַ גורלדיקער געראַנגל פון רגע צו רגע.

בלויז איין עפּיזאָד: דער ברית אין „מילעוויצער הויף״! אַלע שטובן זיינען פול מיט געסט, איבער קארידארן לויפן די סאַרווערס, די קעכינס, די לופט איז פול מיט טויזנט יידישע טעמים. די סאַלע איז פול געשטאָפּ, די פענסטער דרויסן זיינען באַלייגט מיט קעפּ.

דער סנדק, ר׳ יוסף ענגל, דער בענדינער איידעם אויף קעסט, דער ידיד פונם יינגיטשקן בעל־ברית, דעם תלמיד מובהק פון ר׳ אברהמעלע טשאָכעטשעווער.

דאָס קינד ליגט שוין אויף דער שויס, דער מוהל מאַכט די ברכה, גיט



לייב הערש אַ כאַפּ אַרויס דאָס שאַרף־צעבלאַנקן מוהל־מעסערל און שרייט אויס מיט צוויי צעבליצטע ווילדע אויגן: „חייב אדם למול את בנו, אזוי איז דער דין״! און אין איין כהרף־עין און ס׳איז געשען — — —

אין דעם אויסגעבראָכענעם געשריי, בהלה און יללה, וואָלט זיכער דער רך־הנמול אָפּגעגאַנגען אינם „בדמיך חיי״־בלוט, נאָר די צוויי, — באַהערשנדיק געניאַל די סיטואציע! — און דער שטאַמלדיקער פעטער יצחק, דער אַלטער קאָזשיגלעווער רב — דער דריטער אין בונט! — די מתעסקים במצוה, האבן זיך געפּראַוועט מיט זריזות און ס׳איז אַלץ געווען כהלכתו.

אין דער ראַפּטים ליידיק געוואָרענער גרויסער סאַליע איז געבליבן שטיין דער גברן פון דער שווייצער משפחה, וואָס האָט געקענט בינדן דריי „אַביעשטשיקעס״, ווען זיי האָבן נאָכגעיאָגט יידן, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אויף „זיין הויף״, דער פעטער יודע פייוול, האָט זיך איצט, אַ שטיל דערשראָקענער, ציטערדיק ־ צוגעשאַרטער צו מיין טאַטן, וואָס איז געשטאַנען מיט גרויס־כוונה צוגעמאַכטע אויגן און ווי תמיד דעם קלוגן שמייכל אין זיין ברייט־רבנישרבישע באָרד.

די טשעלאַדזשער באָבע איז געשטאַנען ביים פענסטער מיט דער תחינה אין דער האַנט און אַרויסגעשעפּטשעט „געאַכפּערטע״־ווערטער מיט א ימים־נוראים־ניגון.

דער גאַנצער עולם איז פאַר גרויס שרעק אַרויסגעלאָפן אויפן גרויסן הויף און אינמיטן אויף דער אויסגעשפּאַנטער קאָלעס זיצט די מומע מילכה, די בענדינער באָבע, פון צווייטן צד, רייזע־פּערטיק, „גרויס־שטאָטיש אָנגעטון, אין איר נייער זיידענער, מאָדערנער שובע, און בלומען־צעוואָקסענעם טשיפּעק און געוואַלדעוועט ווי אַ צעדולטע: „שמעיה, שפּאַן איין די פערד, וואָרים איך וועל נאָך דאָ צווישן זיי משוגע ווערן״.

נאָך אַ נס, וואָס אין דער בהלה האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן אין דער שלאָף־שוואַכער צאַרטער יולדת, וועלכע איז געלעגן אין דער אָפּיצענע, אין צימער, באַוואַכט פון „שיר המעלותן״ און פון דער ערשטער קוואַטערין, פון מיין מאַמע, די לייבלעכע מומע פוןביידע צדדים, ווען נישט וואָלט מיט דער ליבלעכער יינגיטשקער אסתרל געשען דאָס זעלבע וואָס מיט דער אַלטער מאַמע שרה בשעת דער עקידה...

ביי דער סעודת מצווה האָט זיך געגאָסן מעד און וויין ווי וואַסער. די דריי געניאַלע געניעראַלן, די מלכים מיט די גילדענע קרוינען אויף זייערע קעפּ אויבן־אָן, די ברענענדיקע מלאכים ביי די פולע בעכערס, — ביי יעדן פרישן אָנגיסן האָט לייב הערש אָנגעהויבן זינגען בגליפנדיק דאָס ליד „איבער אַ גלעזל בראָנפן מאַכט מען שהכול״! — דער שטאַמלדיקער פעטער יצחק האָט נאָר געדאַרפט אַרויסקעקעצן איין וואָרט, האָבן די אַנדער צוויי גענומען בראָקן בבלי און ירושלמי, די גאַנצע „ארבע שלחן ערוכס, ראשונים, אחרונים. אונטערן טיש, איך בין געזעסן אויפן טאַטנס שויס, האָט דער טאַטע מיך געטאָרעט: „קוק דאָך אויפן פּנים פון יוסף ענגעל״.

בלאָטע, וואָס צייט זיך פון איין עק הימל צום צווייטן, און דער זעלבער גרויצער קלויסטער, אויפן בערגל אין האָריזאָנט, אין דער בליי־בלאַסער, שווער־געהמערטער, זילבערנער זון — דער געשייערטער שקאָפּעץ צום מעלקן.

די סמנים, זיך צו האַלטן גלייך די דריי וויאָרשט זיינען געווען דער ערשטער צלם דער צווייטער צלם און דער דריטער. די גויים האָבן זיך פרום געצלמט, די יידן האָבן געזאָגט זייער פסוק. איז מען אָנגעקומען אויבן אויף דער „סובריע" און שוין אַרויסגעזען בענדין, האָט מען גומל געבענשט.

יעדעס יאָר כ.ה. שבט, אין זיידנס יאָר־צייט האָט מיך דער טאַטע מיטגענומען. און אין דער „חסידים־שטוב", — אין זיידנס הויז, וואָס איז געבליבן „אויף ע‫ו‬לומות" אונטער דעם נאָמען, מיט א צוואה, מען זאָל פאַרברענען זיינע כתבים, האַלטן אַלע יאָר זיין יאָרצייט און אַז קיינער פון זיינע זין און אייניקלעך זאָלן נישט באַזעצן זיין שטול, — אַ צעצונדענע מיט הונדערטער טריפנדיקע ליכט, האָט זיך פאַרזאַמלט אַרויסער עולם, פראַוועץ די יאָרצייט, גיין צום באַרג ווו־דאָס „אוהל" איז געשטאַנען, זאָגן תהילים, לייגן קוויטלעך, און ווידער אָנצונדן פרישע הונדערטער ליכטלעך. צוריקקומענדיק צו דער חסידים־שטוב פראַוועץ די סעודה, זיינען שוין געשטאַנען פאַר דער טיר, גרויס פעסער מיט ביר, געשיקט פון דער הערציקער־ביר־בראַוועריי — אויך דעם זיידנס אייניקלעך, — און די פרישע ליכטיקייט וואָס האָט אַרויסגעזעצט פון פענסטער פון דער אָ־צאָל אָנגעצונדענע ליכטלעך — איז געווען שוין אַלע יאָר די מצווה פונם ליכט־ציער, וואָס האָט געהאַט זיין ליכט־פאַבריק זייטיק פון דער חסידים־שטוב.

אין הויז איז אַ חוץ די ליכט־פאַבריק אויך געווען א חדר און פונם דירה געלד פון א גאַנץ יאָר איז געפראַוועט די סעודת־יאָרצייט — דאָס זאָל אויך געווען זיין געשריבן אין זיידנס צוואה. „די יאָרצייט" האָט זיך געצויגן א גאַנצן טאָג און דערנאָך די סעודה א גאַנצע נאַכט. אייניקלעך אור־אייניקלעך זיינען געקומען פון גאַנץ קרוין פוילן פון וואַרשע ביז קראָקע — פאַר דער משפחה מיטגלידער איז עס נישט נאר געווען א חסידישע יאָרצייט נאָר א יערלעכער משפחה יום־טוב, פון אהבה אחוה שלום ורעות: אַ טאָג דער נאָך אין מען נאָך געזעסן אין די האָטעלן איינער ביי צווייטן ביי אַ גלעזל טיי גאַנצע שעה'ן — יאָ, דער זיידע האָט געוווסט וואָס ער טוט! זיין אור־אור־אייניקל הרב יונה שטענצל אין תל־אביב דערמאָנט אונז נאָך דאָ, זיין ברודער, נחום שטענצל, און מיך אין זיידנס יאָרצייט.

קליינוואַרג זיינען געווען איז פאַרשידענעם עלטער, אָבער כמעט אלע גרויס־שטעטיטשע. ווילאַנג די הלולה, די סעודה, די פעסלעך ביר, די מעשות האָבן פאַראונטערעסירט האָט געקאָכט מיט אונז די „חסידים־שטוב", ווער האָט געקריגן א קניפּ אין בעקל, וועם האָט מען אָנגעדרייט אַן אויער. ווען די עלטערע האָבן זיך גענומען צו העכערע זאַכן, צו שמועסן אין לערנען, נאָכזאָגן חסידישע ווערטער, דעם זיידנס א דבר תורה האָט חברה זיך אַרויסגעלאָזן באַקוקן די שטאָט און די בענדינער האָבן געשפּילט די גרענדע.



צי ווייל כ'בין געווען דער ייִנגסטער, צי ווייל אַ „טשעלעדזער דופּע" (דער צונאָמען פאַר אונזער מקום.) ווייטער ווי פונם שול געסל בין איך נישט געקומען.

קודם בין איך שטיינגעבן ליב, — לויט ווי מיר דאַכט זיך איצט מסתם שעהן! — פאַרן דרדיקן חדר. ייִנגלעך זיינען געזעסן און דער מלמד האָט מיט זיי געזונגען: ואלה — דאָס זיינען, המשפטים — די געזעצן, אשר — וואָס, תשים — צו זאָלסט טון, לפני — הם, פאַר זיי!

עס איז געווען אַזאַ וווּנדערלעכער כאָר פאַר מיר, אַזאַ ריטמיש־וויגנדיקער. אלע יאָר דער זעלבער. נאָך איצט אַז איך דערמאַן מיך דעם זיידנס (מיין עלטער זיידע) יאָר־צייט, זינגט אין מיר דער מלאכימל־ייִנגלדיקער־כאָר.

איך בין געשטאַנען פאַר דעם חדר, ווי עפּעס אַ דאַרף־ייִנגל, ניין, ווי אַקאָזעלע מיט אַן אָפן מויל, וואָס וויל מיט בעטשן נאָר ס'קאָן נאָך נישט.

פאַרן צווייטן וואָס כ'בין שטיין געבליבן, מיט אויפגעריסענע אויגן, ווער ווייסט ווי לאַנג — ווייל כ'בין פאַרלוירן געוואָרן מ'האָט מיך אַרומגעזוכט, און דער טאַטע האָט מיך ערשט אין גרויס שרעק געפונען, — איז עס געווען פאַר יודע לייב סופרס פענסטער, ווו עס איז געהאָנגען אַ מגילהלע, איינגעבונד אין רויט גלאַנציק פּאַפּיר, מיט גאָלדענע אותיות, מיט אַ בילד ווי מרדכי רייט אויפן פערד און המן פירט עס ביים ציימל. ווער מרדכי אויפן פערד איז האָב איך שוין געוווסט, איך האָב דאָך שוין פאַריאָר געהאַט אַ המן־קלאַפּער.

דער טאַטע האָט שוין געמוזט שטיין ביי מיר אַ שפּאָר־ביסל צייט און קוקן אויף מיין אָפן־פאַרגאַפט מויל און אויפגעריסענע אויגן. איך הער נאָך איצט איבער מיין כאָפּ, ווי פון הימל אַראָפּ, מיין טאַטנס פרייד־ווונדערלעכע ווערטער: „ווילסט האָבן אַ מגילהלע"? און אַ ציטער פון פרייד און פון ווונדער גייט איבער מיין לייב — יאָ, כ'שפּיר עס נאָך אַצינד!

אַ יאָר שפּעטער האָט שוין אויך אונזער טייל טשעלאַדז געהאַט אַ דרדקי־חדר. דער מלמד איז געווען אַ פּיעכאָטנער. עס איז נישט געווען יענער „ואלה המשפטים! אָבער מיר ייִנגלעך האָבן שוין געהאַט אַ לעבן.

איינער פון די ייִנגלעך איז געווען דוד זיטמאַן. אַן אלמנה, פון אַן ארעם געוועלבל אויפן וועג סאָטורניע־מילעוויץ, האט געהאַט צוויי יתומים, דודל און שלמה. דודל איז געווען דער עלטערער, אָבער ער איז געווען דער קלענערער, מיט אַ מין איידעלער צאַרטקייט אויפן פנים, מסתם ווייל ער האָט שוין דערשפּירט מער זיין יתומדיקייט.

ביי אונזערע שפּילן אויפן הויף, — מיר האָבן שוין געלערנט פסוק שמואל! — איז דודל תמיד געווען דוד המלך, — עס איז נישט נאָר געווען זיין קליינקייט, און זיין נאָמען, וואָס האָט דערצו גורם געווען — מיר, קינדער, האָבנס דערפילט אין זיין אויסזען, און איך — שאול; מסתם אויך נישט נאָר ווייל איך בין געווען אַן אויסגעצויגענער לאַנגער . . .

דאָס איז אַלץ וואָס איך געדענק דוד זיטמאַנען פון מיין קינדערהייט. אַ יאָר שפּעטער בין איך שוין, ווי ס'בן זקנימל, געווען אינגאַנצן אונטער

בלאָטע, וואָס צייט זיך פון איין עק הימל צום צווייטן, און דער זעלבער גרויצער קלויסטער, אויפן בערגל אין האָריזאָנט, אין דער בליי־בלאַסער, שווער־געהמערטער, זילבערנער זון — דער געשייערטער שקאָפּעץ צום מעלקן.

די סמנים, זיך צו האַלטן גלייך די דריי וויאָרשט זיינען געווען דער ערשטער צלם דער צווייטער צלם און דער דריטער. די גויים האָבן זיך פרום געצלמט, די יידן האָבן געזאָגט זייער פסוק. איז מען אָנגעקומען אויבן אויף דער „סובריע" און שוין אַרויסגעזען בענדין, האָט מען גומל געבענשט.

יעדעס יאָר כ.ה. שבט, אין זיידנס יאָר־צייט האָט מיך דער טאַטע מיטגענומען. און אין דער „חסידים־שטוב", — אין זיידנס הויז, וואָס איז געבליבן „אויף עולומות" אונטער דעם נאָמען, מיט א צוואה, מען זאָל פאַרברענען זיינע כתבים, האַלטן אַלע יאָר זיין יאָרצייט און אַז קיינער פון זיינע זין און אייניקלעך זאָלן נישט באַזעצן זיין שטול, — אַ צעצונדענע מיט הונדערטער טריפנדיקע ליכט, האָט זיך פאַרזאַמלט אַרויסער עולם, פראַוון די יאָרצייט, גיין צום באַרג ווו־דאָס „אוהל" איז געשטאַנען, זאָגן תהילים, לייגן קוויטלעך, און ווידער אָנצונדן פרישע הונדערטער ליכטלעך. צוריקקומענדיק צו דער חסידים־שטוב פראַוון די סעודה, זיינען שוין געשטאַנען פאַר דער טיר, גרויס פעסער מיט ביר, געשיקט פון דער הערציקער־ביר־בראַוערייַ — אויך דעם זיידנס אייניקלעך, — און די פרישע ליכטיקייט וואָס האָט אַרויסגעזעצט פון פענסטער פון דער אַ־צאָל אָנגעצונדענע ליכטלעך — איז געווען שוין אַלע יאָר די מצווה פונם ליכט־ציער, וואָס האט געהאַט זיין ליכט־פאַבריק זייטיק פון דער חסידים־שטוב.

אין הויז איז אַ חוץ די ליכט־פאַבריק אויך געווען א חדר און פונם דירה געלד פון א גאַנץ יאָר איז געפראַוועט די סעודת־יאָרצייט — דאָס זאָל אויך געווען זיין געשריבן אין זיידנס צוואה. „די יאָרצייט" האָט זיך געצויגן א גאַנצן טאָג און דערנאָך די סעודה א גאַנצע נאַכט. אייניקלעך אור־אייניקלעך זיינען געקומען פון גאַנץ קרוין פוילן פון וואַרשע ביז קראָקע — פאַר דער משפחה מיטגלידער איז עס נישט נאָר געווען א חסידישע יאָרצייט נאָר א יערלעכער משפחה יום־טוב, פון אהבה אחוה שלום ורעות: אַ טאָג דער נאָך אין מען נאָך געזעסן אין די האָטעלן איינער ביי צווייטן ביי אַ גלעזל טיי גאַנצע שעה'ן — יאָ, דער זיידע האָט געוווסט וואָס ער טוט! זיין אור־אור־אייניקל הרב יונה שטענצל אין תל־אביב דערמאָנט אונז נאָך דאָ, זיין ברודער, נחום שטענצל, און מיך אין זיידנס יאָרצייט.

קליינוואַרג זיינען געווען איז פאַרשידענעם עלטער, אָבער כמעט אַלע גרויס־שטעטיטשע. ווילאַנג די הלולה, די סעודה, די פעסלעך ביר, די מעשות האָבן פאַראונטערעסירט האָט געקאָכט מיט אונז די „חסידים־שטוב", ווער האָט געקריגן א קניפּ אין בעקל, ווער האָט מען אָנגעדרייט אַן אויער. ווען די עלטערע האבן זיך גענומען צו העכערע זאַכן, צו שמועסן אין לערנען, נאָכזאָגן חסידישע ווערטער, דעם זיידנס א דבר תורה האָט חברה זיך אַרויסגעלאָזן באַקוקן די שטאָט און די בענדינער האָבן געשפּילט די גרענדע.



צי ווייל כ'בין געווען דער יינגסטער, צי ווייל אַ „טשעלעדזער דופע" (דער צונאָמען פאַר אונזער מקום.) ווייטער ווי פונם שול געסל בין איך נישט געקומען.

קודם בין איך שטיינגעבן ליב, — לויט ווי מיר דאַכט זיך איצט מסתם שעהן! — פאַרן דרדיקן חדר. יינגלעך זיינען געזעסן און דער מלמד האָט מיט זיי געזונגען: ואלה — דאָס זיינען, המשפטים — די געזעצן, אשר — וואָס, תשים — צו זאָלסט טון, לפני — הם, פאַר זיי!

עס איז געווען אַזאַ וווּנדערלעכער כאָר פאַר מיר, אַזאַ ריטמיש־וויגנדיקער. אלע יאָר דער זעלבער. נאָך איצט אַז איך דערמאַן מיך דעם זיידנס (מיין עלטער זיידע) יאָר־צייט, זינגט אין מיר דער מלאכימל־יינגלדיקער־כאָר.

איך בין געשטאַנען פאַר דעם חדר, ווי עפעס אַ דאַרף־יינגל, ניין, ווי אַקאָזעלע מיט אַן אָפן מויל, וואס וויל מיט בעטשן נאָר ס'קאָן נאָך נישט.

פאַרן צווייטן וואָס כ'בין שטיין געבליבן, מיט אויפגעריסענע אויגן, ווער ווייסט ווי לאַנג — ווייל כ'בין פאַרלוירן געוואָרן מ'האָט מיך אַרומגעזוכט, און דער טאַטע האָט מיך ערשט אין גרויס שרעק געפונען, — איז עס געווען פאַר יודע לייב סופרס פענסטער, ווו עס איז געהאָנגען אַ מגילהלע, איינגעבונד אין רויט גלאַנציק פאַפיר, מיט גאָלדענע אותיות, מיט אַ בילד ווי מרדכי רייט אויפן פערד און המן פירט עס ביים ציימל. ווער מרדכי אויפן פערד איז האָב איך שוין געוווסט, איך האָב דאָך שוין פאַריאָר געהאַט אַ המן־קלאַפּער.

דער טאַטע האָט שוין געמוזט שטיין ביי מיר אַ שפּאָר־ביסל צייט און קוקן אויף מיין אָפן־פאַרגאַפט מויל און אויפגעריסענע אויגן. איך הער נאָך איצט איבער מיין כאפ, ווי פון הימל אַראָפּ, מיין טאַטנס פרייד־ווונדערלעכע ווערטער: „ווילסט האָבן אַ מגילהלע"? און אַ ציטער פון פרייד און פון ווונדער גייט איבער מיין לייב — יאָ, כ'שפּיר עס נאָך אַצינד!

אַ יאָר שפּעטער האָט שוין אויך אונזער טייל טשעלאַדז געהאַט אַ דרדקי־חדר. דער מלמד איז געווען אַ פּיעכאָטנער. עס איז נישט געווען יענער „ואלה המשפטים! אָבער מיר יינגלעך האָבן שוין געהאַט אַ לעבן.

איינער פון די יינגלעך איז געווען דוד זיטמאַן. אַן אלמנה, פון אן ארעם געוועלבל אויפן וועג סאָטורניע־מילעוויץ, האט געהאַט צוויי יתומים, דודל און שלמה. דודל איז געווען דער עלטערער, אָבער ער איז געווען דער קלענערער, מיט אַ מין איידעלער צאַרטקייט אויפן פנים, מסתם ווייל ער האָט שוין דערשפירט מער זיין יתומדיקייט.

ביי אונזערע שפּילן אויפן הויף, — מיר האָבן שוין געלערנט פסוק שמואל! — איז דודל תמיד געווען דוד המלך, — עס איז נישט נאָר געווען זיין קליינקייט, און זיין נאָמען, וואָס האָט דערצו גורם געווען — מיר, קינדער, האָבנס דערפילט אין זיין אויסזען, און איך — שאול; מסתם אויך נישט נאָר ווייל איך בין געווען אַן אויסגעצויגענער לאַנגער...

דאָס איז אַלץ וואָס איך געדענק דוד זיטמאַנען פון מיין קינדערהייט.

אַ יאָר שפּעטער בין איך שוין, ווי ס'בן זקנימל, געווען אינגאַנצן אונטער

מיין טאַטנס השגחה.

10־12 יאָר, מיר ווינען נישט מער אין טשעלאַדז, כ׳בין אויף אַ באַזוך צו מיין פעטער, קומט אַריין אַ יינגערמאַן, אַריסטאָקראַטיטקייט זיין גיין, זיין יעדער באַנעם, אָנגעטון אין אַ מין סאַמעטנעם סוקמאַן, אין אַ שליאַפּע, — עס איז דער העברעאישער לערער פון מיין פעטערס מיידלעך.

מיין פעטער קוקט מיך פאַרוואונדערט אָן: „ווייסט נישט ווער דאָס איז? דאָס איז דאָך דער אלמנה׳ס יינגל, דודל — דוד זיטמאַן. ער איז אַ פּאָעט, דריקט לידער אין דעם זאַגלעמביער צייטונג, האַלט רעפעראַטן אין בענדינער הזמיר, ער געהערט צו דער לאָדזשער מאָדערניסטן, פוטוריסטן, די גרופּע ארום יאַנקל אַדלער און משה בראָדערזאָן.

אזוי ווייט בין איך נאָך נישט געווען! פאַר מיר זיינען די נעמען, די ווערטער געווען פרעמד, כאָטש אין בית־מדרש אין טשענסטאָכאָוו האָט מיר שוין וויעוויאָרקע דערציילט פון פרצן, און באַהאַלטענערהייט שוין געליינט מענדעלען.

אזוי ווי דוד זיטמאַן פאַרברענגט יעדן שבת מיט חברים און סאָוונאָווצע, און איך האָב געוואָלט האַלטן שבת ביי מיין ברודער, וועלכער איז דאָרט געווען מורה הוראה און ראש ישיבה, האָבן מיר אָפּגערעדט צו גיין צוזאָם.

דער וועג דעמלט ארויף אויפן פיאָסקאָווער באַרג! די זון אין איר תפארת־דיקסטן בלוי — ס׳איז געווען ספירה־צייט, אָבער דער בערג צעריסן און וויסט. מען שטעלט אַריין א פוס אין זאַמד און ס׳בלייבט קיין שליאַד נישט פונם טריט. די פויערים באַשעפּטיקט אין די קוילן־פאַרשטיינערטע וועלדער, טיף אונטער דער ערד, לאָזן זיי זי וויסט און ווילד אויבן — אַ באַרג זאַמד, פיאָסקעס — כשמו כן הוא.

און דוד זיטמאַן דער זעלבער דודל פונם שפּיל „דוד און שאול“ אין חדר; רואיק שטיל געלאַסן, ליריש־פאַרטראַכט, יתומדיק־טרויעריק, אָבער אינגאַנצן אויסגעצייטיקט, אַן אינטעלעקטואל, א פּאָעט, באַרימט איבער גאַנץ זאַגלעמביע, ליינט רעפעראַטן, רעציטירט זיינע לידער — איך דער זעלבער פּסיכיש־צעריסענער שאול.

זיטמאַן דערציילט מיר פון זיין חבר אפרים קליינמאַן, וועלכער דאַרף זיך באַווייזן אויפן שפּיץ־באַרג פונקט 1 א זייגער און ער גייט מיט קיין סאָסנאָווצע. אפרים קליינמאן איז אַ שניידער־געזעל, אָבער דאָס וואָקסט איינער פון די גרויסע . . . זיינע ברייטע עפּישע פּערזן, ממש וויטמאַן, מנחם . . . (פאַר מיר ווידער לאַטיין, טערקיש!).

איך וועל נישט פאַרגעסן דאָס שטיקעלע וואַלד, — פאַרוואָרלאָזט, אויסגעקראָכן, פוסט, קיין פּיפּס פון אַ פויגל, דעם דריי־עק פיאסקעס־סאָנאָוויץ־מילעוויק, פון טויזנטער אַרבעטער פיס צעטרעטן, גייענדיק זיך אַראָפּצולאָזן, הונדערטער פיס טיף אין די קאָפּאַלנעס, — ווען ביידע, זיטמאַן און קליינמאן האָבן מיר אָנגעהויבן דערציילן פון א גרויסן טאַלענט וואָס וואַקסט איצט אין סאָסנאָווצע, שרה בוים! סלאָוואַצקע . . . אָרזשעסקאָווא . . . פאר מיר גאַנץ פרעמדע



נעמען, נאר פון זייער מטעים זיין, זיך איבערשלאָגנדיק איינס דאָס אַנדערע, האָב איך משיג געווען, אַז דער ערשטער מוז זיין דאָס העכסטע, דאָס געוואַלטיקסטע, די צווייטע אַ מין שרה בת טובים . . .

זיי זיינען ביידע אפנים געווען פאַרליבט אין איר,אין די שרה בוים און געווען אָנגעלאָדן מיט לידער פון אַ גאַנצער וואָך — ס׳איז געווען אַ געזאַנג פון צוויי פייגל.

מען מוז זיך פאָרשטעלן וואָס ביי מיר, א בית־מדרש־בחור, אין סאַמעטענעם היטל, אין ריבסענער זשיביצע, האָט נאָך אין זיין ראוי־לחופה־לעבן מיט קיין מיידל קיין צוויי רואיקע ווערטער ארויסגערעדט, און דאָ גייט ער צווישן צוויי דיכטער, — איך האָב נאָר געדאַרפט אַ קוק צו טון אויף אַ קליינמאַנס געוואַלטיקן קינסטלער שניפּס! — און זיי ריידן פון דיכטונג, פון ליבע.

שבת נאָכמיטאָג, נאָכן עסן, נאָכן שבת־אויפס, האָב איך מיך אַרויסגעגנבט פון מיין ברודערס הויז. דוד זיטמאַן און אפרים קליינמאַן האָבן מיך אָפּגעוואַרט אין אַ ווינקלדיק געסל און מיר זיינען אַרויפגעגאַנגען צו שרה בוים.

יאָ, זי איז געווען שיין איבער אַלע דערוואַרטונגען! נאָך שענער ווי מיין גאַנצע בחורישע פאַנטאַזיע, וואָס איך האָב אַריינגעלייגט אין דעם וואָרט אָרזיש — קאָ — וואַ . . . כ׳האָב געגעבן אַ טראַכט מסתם איז זיטמאַן נעכטן געווען: סלאָוואַצקי! דאָס וואָרט ווי פרעמד, און מיט זיין גאַנצער האַרטקייט האָט מיר געגעבן ווי אַ צוויק אין האַרץ. איך באַטראַכט דאָס מיט בילדלעך און בלומען אויסגעסטראָיעטע שטובל און ממש באַטאַפּט מיט מיינע גרויסע אויגן יעדע זאַך וואָס איז דרינען געווען. די ווענט, דער סופיט זיינען איינגעהילט געווען אין עפּעס אַזאַ מין שטילקייט, אין אַ בשמימדיקן וויי־רויך. מיין סאַמעט־היטל, און מיין בלוי־אויגנדיקע אַלץ באַטאַפּנדיקע גרויס־אויפגעריסענע התפעלות, האָט דאָס שטיבל פערוואַנדלט אין אַ שוועבנדיקע עקזאָטישקייט — איך האָב עס פּלוצלינג געזען הענגען אין שפּיגל א גילדן שטייגל מיט זינגענדיקע פייגל.

די דריי האָבן זיך קודם פאַרגעליינט זייערע לידער, און איך בין אויך געווען א שאול בין הנביאים.

יאָ אויף דעם זעלבן שטיקעלע ערד ווו איך האָבן פון מיין הייליקן טאַטן און ברודער באַקומען די השגה און אויף גענומען מיין גאַנץ ביסל תורה, האָב איך אויך געקריגן דעם באַגריף פאַר פּאָעזיע.

ווי יענע רש״י־הקדוש ח״ה, וואס איז צוגעבונדן מיט איר נאָפּל צו דער ערד אַזוי האָב איך מיך אָפּגעריסן פון מיין היים. דער טריפנדיק שליאַד פירט ביז צו מיין טאַטע־מאַמעס טיר — — —

יאָרן שפּעטער, האָט מיך אַרומגעזוכט א בריוו, געקומען עפּעס אין אַן אינסטיטוציע אין בערלין, כ׳גלויב פון לאָדז: דוד זיטמאַן איז געשטאָרבן אין א שפּיטאָל אין ברעסלא און מיר, די שרייבער אין בערלין, זאלן זען אים צו שטעלן די געהעריגע מצבה.

עס איז געקומען דאָס וואָס ס׳איז געקומען, אַלץ איז פאַרקומען, און איך

בין אָנגעקומען אין ווייטשעפל.

ביי מיין ערשטן שפּאַציר אין ווייטשעפל, בלייב איך שטיין פאַר אָ ספרים־שוי־פענסטער, און בלייב ווי פערשטיינט מיט אויפגעריסענע אויגן, נישט וויניקער פאַרוואונדערט, ווי פאַר יודע לייב סופרס פענסטער אין בענדין אין שולגעסל, ווו עס האָט געהאָנגען דאָס רויטע מגילהלע, מיט די גאָלדען אותיות: „ככה יעשה לאיש אשר המלך חפץ ביקרו" — —

פאַר מיינע אויגן הענגט א בלאַט נאָטן מיט צוויי לידער, אין איין זייט פון בלאַט, אברהם רייזינס אַ, ליד אויף דער צווייטער דוד זיטמאַנס „שיין שטערנדל שיין" — — —

און איך שטיי פאַר אַ וואונדער, ממש מיט טרערן אין די אויגן פינקלט אין מיר אַ פרייד: זע, יפתח ד׳ את פי הארץ"! דער פאַרלאַזנסטער אויף גאָטס ערד, אונזער ישוב טשעלאַדז, אַ מיט־באַטייליקטער אין דער יידישער ליטעראַטור. איבער די שניי־פלאַכטעס וואָס ציען זיך פון איין עק הימל צום צווייטן, איבער די פאַרגאַסענע ליימיקע בלאָטעס, ממש דערטרונקן צו ווערן אין זיי, איבער די זאַמד בערג וואס בלייבט קיין שליאַד נישט פון א טריט, רייסט זיך דאָך ארויס, פון די פאַרשטיינקטע טויזנטער יאָריקע וועלדער אַ ליכטיקער האַרץ־פונק: „שיין שטערנדל שיין".

## צום בוך „ווייטשעפל שטעטל דבריטן" *

אין תקון טעות, אויפן לעצטן זייטל פון בוך, וואס מיינט נישט אויסצובעסערן די פעלער, אדער די גרייזיקע לשון־קודשדיקע ווערטער, נאר ענדערונגען איז פערזן איז אַרויסגעפאַלן:

זייטל: 74, שורה 27 שטאָט „אמתער" מוז זיין: אמת־זעער

פון די בראַקירטע לידער פונם בוך, דרוקן מיר אָפּ דאָס ליד וואָס מיר האַלטן, אז אין פורים־נומער פאַסט עס דאָך אַריין. אייגענטלעך טוט עס מיר דאָך לייד וואס עס איז נישט דאָך אַריין אין דער בילדער־אין גראַמען־גאַלעריע, אינם ערשטן טייל פון בוך.

פערלאַג „לשון און לעבן"

## טרעביטש לינקאלן

אַז פון אַ ראַביי אַ רעוורענדל, אַ פריסט,
פון געשמדט גלחל אַ ליבעראַל עם־פי,
און דאָס אַלצדינג־אַ געקענט געשען בלויז דאָ הי,
פאַרוואָס נישט אויסוואַקסן צום וועלט־אַפעריסט —

איין וואַסער־טראָפּ־שפּריץ און פון אַ ייד אַ קריסט!
די דינע אויבער־ליפּ טוט שטייף אַזאַ מין צי,
און פון אַ ליבעראַל — אַ טאָרי דו ביזט!
מיט מינימום דעמאַגאָגי, מיט מינדסטער מי —



און ווען אים געכאַפּט, אַ טאָפּלטן שפּיאָן,
פאַר ביידע צדדים, וואָס געקענט בעסער׳ס טאָן,
ווי ווערן אַ הייליקער בראַמאַן צום סוף?

אַ בודיסט מיט אַ צווי־פּנימדיקן גאָט!
וויפיל „גאָלד־הענטלעך" ס׳מינדסטע געצל האָט?
„שאַנטאַ" — זשירט ער איצט גרויס מיט נירוואַנאַ־בלאָף.

## זיין זון

אויף וויפיל רעליגיעס זיין טאַטע זיך נישט געשמדט,
און פון וועלכן ווייב דאָס זינדל זיין ער האָט געהאָט,
בלויז ווען מען האָט אים צו משפטן אַרויסגעפירט,
ס׳מעסער אין האַרץ יעדער יידישער זעלנער געשפּירט.

דעם יידישן טשאַפּלין נישט גערופן אין זיין צעל —
ווען געבוירן פאָטער גראָד געווען אַן עוואַנגעל!
יאָ, עס שטאַרבן די קינדער פאַר די עלטערנס זינד,
אויב נישט ס׳מעסער — דעם שטריק דער פאָטער פילן אַצינד!

אַפּעריסט, היטלעריסט? אין די שטיק ווער קען זיך אויס?
אָבער פון אייגענעם לייב מען קאָן אַלץ נישט אַרויס,
און ווי מיר מיט־ערובדיק שפּירן זיין מעסער־שטאָך,
ער זיין שטריק אויף האַלדז — אַ טאַטע בלייבט אַ טאַטע דאָך.

### א. מ. קייזער

## די יידישע שרייבער אין לאנדאן

### אן ענטפער ל. ש. קרעדיטארן

מיין אלטער גוטער־פריינט, דער זקן־הסופרים, ש. ל. קרעדיטאר, האט אין לעצטן נומער „לשון און לעבן", מיך אויפגעפאדערט אים צו געבן צו פארשטיין פארוואס דער דאאיקער יידישער זשורנאליסטן און ליטעראטן פאריין האט בלויז א זעקס־זיבן מיטגלידער, ווי ס״האט מכח דעם באריכטעט י. א. ליסקי אין ישראלדיקן חודש־ארגאן „היימיש".

וויל איך מיין פריינט ש. ל. ק. געבן צו פארשטיין אז איך האב צוויי מאל איבערגעליינט די נאטיץ, וואס י. א. ליסקי האט פארעפענטלעכט אין „היימיש" און איך האב דארט אפילו נישט געפינען קיין רמז פון דעם, וואס ער, ל. ש. ק., שרייבט צו, צו ליסקיס נאטיץ. נישט דער ליטעראטן פאריין ווערט דארט דערמאנט און נישט ווער עס זענען זיינע מיטגלידער. ילמדנו רבנו ל.ש.ק. פון וועלכן פינגער האט ער די ידיעה אויסגעזויגן?

י. א. ליסקי האט אין זיין נאטיץ געגעבן א קורצע אפהאנדלונג איבער ניין לאנדאנער שרייבער, וואס איינער פון זיי איז שוין אויפן עולם־האמת. דאס האט ער געטון אויפן פארלאנג פון „היימיש", נאר מחמת פארנומענקייט

האט ער בלויז אנגעצייכנט די עטלעכע קורצינקע שורות מכח די־דערמאנטע ניין פענמענטשן. די רעדאקציע, אין איר באמערקונג צו ליסקיס נאטיץ האט אפילו אנגעוויזן, אז „ליסקי האט, זעט אויס, פארגעסן אין אזא געשטאלט ווי ד״ר אהרן שטיינבערג און נאך א גאנצער ריי פענמענטשן״.

אוודאי איז מיט דער־דערמאנטער נאטיץ אפגעטון געווארן א שטות, ווייל אח.ץ יעקב מייטליס, יוסף לעפטוויטש, א. מ. קייזער, א. נ. שטענצל, ש. י. הארנדארף, יוסף פרענקל, שמואל ווייט און מאקס הערשמאן, וואס זענען דערמאנט אין ליסקיס נאטיץ, זענען נאך ביי אונז פאראן (לויטן א״ב) שלמה אוירבאך, ד״ר שלמה בירנבוים, י. ביאלסקי, י. ביעטש, ש. גאלדשמידט, א. דאמב, רחל דון־יחיא, מ. ווילענסקי, י. זאנטאג, רחל מירסקי, יהושע פאדרא, א. פאלושאק, י. ל. פיין, י. ח. קלינגער, ל. ש. קרעדיטאר, יעקב ריכטיגער, הרב שפעטמאן, ד״ר א. שטיינבערג און טאקע י. א. ליסקי גופא.

ליסקי האט אפנים פארגעסן דאס רוימישע שפריכווארט „נאמינא סונט אדיאזא״, ד.ה. אז מיט נעמען איז בעסער נישט אנצוהויבן, ווייל נעמען זענען זייער א סכנהדיקע זאך. אט האב איך דא אויסגערעכנט א 19 נעמען און סקאן גריילעך זיין אז איך האב אימיצן פארגעסן.

בכל־אופן, וואסאַרא שייכות האט דער גאנצער ענין צום יידישן זשורנאליסטן און ליטעראטן פאריין דא? ענטפערט ר׳ ל. ש. קרעדיטאר: מה ענין שמיטה אצל הר־סיני? ווי קומט א פאטש צו גוט־שבת?

א.מ. קייזער

פארזיצער פון יידישן זשורנאליסן
און ליטעראטן פאריין אין לאנדאן.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאכמיטאגס

### אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט א.1. — 3 אַזייגער

שבת, דעם 4׳טן מערץ — וועט אליהו פאַלושאַק לייענען א קאַפּיטל פון זיין בוך.

שבת, 11׳טן אַ פאָרטראַג פון סעם לעווי.

שבת, 18׳טן — פאָרלעזינגען און רעציטאַציעס פון די ביכער פון ס. פאַלמע, קייטי בראון און יוסף הלל לעווי. אין דעם חודש פאַלט די יאָרצייטן פון די לאָנדאָנער דריי שרייבער.

שבת, דעם 25 — דערטראַדיציאָנעלער שבת הגדול פראָגראַם פון אונזערע קלאַסיקער פרץ, שלום עליכם. עס וועלן לייענען אייזיק גאָלדבערג, נעט רובין און י. ביעטש.

## לאנדאן קולטור־ידיעות

אין דער לעבעדיקער צייטונג אין אַדלער־הויז (יידישער שרייבער־ פעראיין אין יידישער וועלט קאָנגרעסן) האָבן זיך באַטייליקט מיט רעדעס איבער די כל־ערליי קאָנגרעסן אין ירושלים: יואל צאַנק, יוסף פרענקעל, פריינט חנן, און א. מ. קייזער. דעם פאָרזיץ האָט געפירט ש. י. האַרענדאָרף.

• • •

דער דיכטער יעקב גלאַנץ פון זיד־אַמעריקע אויף זיין צוריק־רייזע פון ישראל איז אויפגענומען געוואָרן ביי די שבת־נאָכמיטאָגס, דער גאַסט איז וואַרעם באַגריסט געוואָרפן פון חברים.

• • •

אין דער בעש״ט־אַקאדעמיע, וואס די קולטור־געזעלשאַפט האָט פערגאַנגענעם חודש איינגעארדנט אין קארא־האטל האָבן זיך באַט־יליקט מיט רעדעס דר. ש. לעווענבערג, זאב בילו, י. ח. קלינגער. געזינגען חסיד־שע ניגונים און מעלאַדיעס האָט חזן רעוו שמעון האסס, טובה בן־צבי, און דער אקארדיאן שפילער אורי חלפן. פאָרזיץ י. יעזערסקי. דער אָוונט איז געווען א גרויסער דערפאָלג. די קולטור געזעלשאַפט האָט אויך ארויסגעגעבן א דענק־שריפט מיטן בילד פון בעל שם טוב. אונטער דער רעדאַקציע פון י. ח. קלינגער.

• • •

ק. צעטניק, וועלכער וווינט אין ישראל, האָט באַזוכט לאָנדאָן אייניקע טעג, זיינע ביכער דערשיינען דאָ בקרוב אין אַן ענגלישע איבערזעצונג.

• • •

דער באַקאַנט אקט־אר יידל גאָלדבערג האָט זייער שטאַרק אויסגענומען מיט זיין לייענען שלום־עליכמען לעצטן חודש ביים שבת־נאָכמיטאָג.

• • •

די באַקאַנטע אַקטריסטע מייטי סעגאַל געפינט זיך אין לאָנדאָן־האָספיטאל מיר ווינטשן איר א רפואה שלימה.

• • •

דער באַקאַנטער אַקטיאָר לעאָן בלומענזאָן איז קראַנק און ליגט אין לאָנדאָן־האָספיטל, מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

• • •

מרים נאָוויטש, אויף איר באַזוך אין ענגלאַנד, האָט גערעדט איבערן קיבוץ לוחמי הגעטא.

אברהם בער סעראַטע וואָס איז עולה קיין ישראל, אויף זיין וועג פון פאַריז, איז ער אויפגענומען געוואָרן ביי די שבת־נאָכמיטאָגס, ער דערציילט פון זיינע פלענער, וועגן יין דרוק־און פערלאַג מוזעאום אין צפת.

• • •

פרוי שאו האָט געהאַלטן א פאָרטראַג אין רידינג־רום איבער איר רייזע אין אַמעריקע. פאָרזיץ פרוי סומך־פיל־פס.

• • •

ביים אָוונט, לכבוד שמואל ווהייט, צום ווערן אַ בן־שבעים האָבן געליינט דעם פאָעטס לידער נעט רובין און די באַקאַנטע אַקט־אַרן סעם גאָלדבערג און עלען ווינאַגראַד.

• • •

דער אַקטיאָר פון גרענד־טעאַטער בערנאַרד מענדעלאָוויטש האָט פאַרלוירן זיין פאָטער, מיר דריקן אים אויס אונזער טיפן מיטלייד.

• • •

פערגאַנגענעם חודש האָבן זיך באַטייליקט אין די לעקציעס ביים סעמינאַר פון „פריינט פון יידיש לשון״: דר. יעקב מייטליס, יוסף פרענקל, ש. י. הארענדארף און עלעק וואָסערמאַן.

• • •

פאַרגאַנגענעם חודש צווישן די רעדנער ביי די שבת נאָכמיטאָגס זיינען געווען י. ריכטיגער און מאָריס מינדעל.

• • •

פאַרגאַנגענעם חודש ביי דער אַלגעמיינער יערלעכער פערזאַמלונג פון פריינט פון יידיש לשון זיינען אַריין אין קאָמיטעט: פרעזידענט יהודה ביעטש, וויצע־פרעזידענט מנשה ווייסגראַז, פאַרזיצער א. נ. שטענצל, סעקרעטאַר משה בעקערמאַן קאסירער מילי באַריס. מיטגלידער אין קאָמיטעט: נעט רובין, אייזיק גאָלדבערג, ח. נ. בענקוויטש, און רחל מירסקי.

• • •

דאָס פּאָפּולערע וואָרט־קאָנצערט, פאַרן וועסט־ענדער „עולם״, וואס דאס אַקטיארן פאַרל סעם גאָלדבערג און עלען ווינאַגראד האָבן פארגאנגענע וואך געמאכט אונטערן נאָמען „א וועלט מיט נסים״ האָבן ביים עולם אַרויסגערופן א סך געלעכטער און פרייד. ביים קלאַווירן האָט באַגלייט דער פיאַניסט ליפּשיץ.

## לאנדאן קולטור-ידיעות (המשך)

דיין מ. א. קרואַז האָט, פאַרגאַנגענעם חודש ביי א מלווה־מלכה אין דער גרויסער קאָמערשל־ראָד־שול, געהאַלטן א רעדע איבער יידישער דערציאונג אין דער איסטענד. פאָרזיץ נייטן ראַבינאָוויטש.

• • •

דר. יעקב י. מייטליס, דרוקט א בוך, אין יידיש, איבערן יידישן „מעשה־בוך". דער טעקסט, מקורות און וויסנשאַפט־עסייאיסטיש בארבעט. עס זעצט זיך אין נאראָדפרעס און ווערט באַלד ארויס פון דרוק.

• • •

הרב מיכאל פישער, וועלכער איז צוריקגעקומען פון א נסיעה אין ישראל, האָט גערעדט ביי א בית־ציון־מלווה־מלכה, פון זיינע איינדריקן אין מדינת ישראל מיט גרויס באַגייסטערונג. פאָרזיץ נייטן ראַבינאָוויטש.

אין רידינג איז געווען אַ קאָנצערט פון יידישע און העברעאישע לידער. ווערא ראָזשא האָט געזונגען ביים פּיאַנאָ ר. טריסטראַם.

• • •

חנה ווילנער פון פאַריז האָט געהאַלטן א רעפעראַט אין אַרבעטער איבערן סאָציאַלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פראַנקרייך. י. פּאָדאָלסקי האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

• • •

דאָס אַש פון שמואל זיגלבוים, וואָס געפינט זיך אין גאָלדערס, גרינעם קרעמאַטאָריע, ווערט קומענדיק אַריבערגעפירט קיין אַמעריקע, ווי די שטאָט ניו־יאָרק זאָל זיך באַטייליקן אין אויפשטעלן אַ מצבה־מאָנומענט אויפן נאָמען פונעם גרויסן נפטר־מאַרטירער.

## צו אלע פריינט פון „לשון און לעבן"

פרוי **מרים לעווי**, בעט אַלע פריינט פון „לשון און לעבן", צו אַ גלעזל־טיי ביי זיך אין הויז, מאָנטיק, דעם 27'טן, 1961, אין טאָג, ווען ס'פאַלט אויס די יאָרצייט פון איר מאַן, דעם דיכטער **יוסף הלל לעווי**. מ'בעט צו קומען פונקטלעך 4 אזייגער נאָכמיטאָג. די אַדרעס:

46, Windsor Court, Golders Green Road, N.W.11

## „ווייטשעפל שטעטל דבריטן"

קאָנט איר באַשטעלן אויף דער אדרעס פון „לשון און לעבן" און אין צווייטן העלפט פון חודש מערץ ווערט דאָס בוך צוגעשיקט ווערן. איבער „טעכנישע סיבות" ליגט עס נאָך ביים איינבינדער.


## „די אידישע שטימע"

די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפראַך אין דעם לאַנד.

THE JEWISH VOICE LTD.

11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

**WHOLESALE WAREHOUSEMEN**

**Knitwear - Blouses - Underwear**

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1




# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטי־

נומער 3 (העפט 353) צוויי און צוואַנציקסטער יאָר אַפּריל 1961 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:


| | | |
|---|---|---|
| דער סימבאָל פונעם „משהו חמץ בפסח, צום 13'טן יום העצמאות, בכל דור ודור, צום 19'טן אַפּריל־טאָג, דער קדוש־מאַרטירער שמואל זיגלבוים, שיר־השירים־געוויין | ** | 1 |
| מכוח דעם סאָציאַלן נאַציאָנאַל־געפיל פון פסח (עסיי) | י. ריכטיגער | 5 |
| מרור זה (ליד) | יוסף הלל לעווי | 8 |
| „שקעלעטן אין ישראל (פּאָעמא) | י. היישעריק־פוקס | 9 |
| ביאַלע (טיפן פון דער פאַרגאַנגענער צייט) | משה בעקערמאַן | 10 |
| אין זכרון פון שמואל זיגלבוימס ערשטער יאָרצייט | מנשה ווייסגראַז | 15 |
| אַ באַוווּנדערונג (ליד) | שמואל ווהייט | 15 |
| מיין ערשטע נסיעה (פּראָזע) | א. נ. שטענצל | 16 |
| מאָראַל פון לאָנדאָנער שרייבער | ל. ש. קרעדיטאָר | 30 |
| דער יזכור־ספר חמיעלניק | מ. דאָמב | 31 |
| יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס | | 32 |


פרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פרייז:—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר אַ יאָר


אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—

"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*